STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09732

# DER KOMUNISTISHER MANIFEST

Karl Marx

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט

פון קאַרל מאַרקס
און פרידריך ענגעלס

פארלאג „קאמף"
ניו יאָרק, 1919.

# דער „מאַניפעסט" פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ".

## פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס.

א רוח, א שטן געהט ארום איבער אייראָפּא — דער שטן פון קאָמוניזם. דער פּאַפּסט און דער צאַר, מעטערניך און גיזא, די פראנצויזישע ראדיקאַלען און די דייטשע פּאָליציסטען — אַלע כחות פון דעם אַלטען אייראָפּא האָבען געשלאָסען צווישען זיך א „הייליגען פארבאנד" צו רודף'ן דעם שטן און פארטרייבען איהם פון דער וועלט.

איז דען פאראַן כאָטש איין אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטײ, וועלכע איהרע געגנער, — די רעגירונגס לייט, — זאָלען נים פארשרייען אַלס קאָמוניסטען? און האָט ווער געזעהן אַן אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטײ, וועלכע זאָל צוריק נים אויפוואַרפען דעם חטא פון קאָמוניזם איהרע געגנער, די מעהרער פּראָגרעסיווע אָפּאָזיציאָנס-לייט, ווי אויך די רעאַקציאָנערע פּאַרטייען?

דערפון זיינען געדרונגען צוויי זאַכען:

1) אַלע כחות פון אייראָפּא זיינען שוין מודה, אז דער קאָמוניזם איז א מאכט.

2) עס איז שוין געקומען די צייט, אז די קאָמוניסטען זאָלען אָפען פאַר דער גאַנצער וועלט ערקלעהרען זייערע אַנזיכטען, זייערע צוועקען און טענדענצען און געגען די באָבע-מעשות וועגען דעם שטן פון קאָמוניזם זאָלען זיי ארויסלאָזען א מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ גופא.

צוליעב דעם צוועק האָבען זיך קאָמוניסטען פון פארשידענע נאַציאָנען פארזאַמעלט אין לאָנדאָן און האָבען אויסגעאַרבייט דעם פאָלגענדען מאַניפעסט, וועלכער ווערט ארויסגעגעבען אין דער ענגלישער, פראנצויזישער, דייטשער, איטאַליענישער, פלע-מישער און דענישער שפּראַכען.

.1

# בורזשואַ און פּראָלעטאַריער.

די געשיכטע פון יעדער געזעלשאַפט וואָס האָט ביז אַהער עקזיסטירט, איז אַ געשיכטע פון קלאַסען־קאַמף. דער פרייער מענש און דער שקלאַף, דער פאַטריציער און דער פּלעבעער; דער פריץ און דער לייב־אייגענער, דער אַמאָ־ליגער בעל מלאכה פון די צעכען און דער געזעל, קורץ דער אונטערדריקער און דער אונטערדריקטער האָבען שטענדיג געהאַט געגענזעצליכע אינטערעסען, האָבען אַלע מאָל געפיהרט צווישען זיך אַ שטענדיגען קאַמף, אַמאָל אַ פאַרבאָרגענעם, אַמאָל אַן אָפענעם, — אַ קאַמף וואָס האָט זיך יעדעס מאָל געענדיגט מיט אַ רעוואָלוציאָנערען איבערבוי פון דער גאַנצער געזעל־שאַפט אָדער מיט דעם אונטערגאַנג פוןביידע קעמפענדע קלאַסען.

אין די פריהערדיגע עפּאָכען פון דער מענשליכער געשיכטע איז כמעט אומעטום די געזעלשאַפט אינגאַנצען צוגלידערט געוועזן אויף פאַרשידענע שטאַנדען און עס האָט עקזיסטירט אַ גאַנצער לייטער פון פאַרשידענאַרטיגסטע „געזעלשאַפטליכע מדרגות“. אין דעם אַלטען רוים געפינען מיר פאַטריציער, ריטער, פּלעבעער, שקלאַפען; אין מיטעל־אַלטער — פעאָדאַלע פּריצים, וואַסאַלען, צעכען־מייסטערס, געזעלען, לייב־אייגענע, פּויערים, און אַ חוץ דעם איז נאָך כמעט יעדער פון די דאָזיגע קלאַסען ווידער צוטיילט געוועזן אויף פאַרשידענע מדרגות.

די היינטיגע בורזשואַזע געזעלשאַפט וואָס איז אויסגעוואַק־סען אויף די חורבות פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, האָט ניט אָפּגעשאַפט די קלאַסען־געגענזאַצען. זי האָט נאָר באַשאַפען נייע קלאַסען, נייע באַדינגונגען פון אונטערדריקונג, נייע פאָרמען פון קאַמף אַנשטאַט די אַלטע.

אונזער עפּאָכע, די עפּאָכע פון דער בורזשואַזיע, צייכענט זיך אָבער אויס דערמיט, וואָס זי האָט געמאַכט איינפאַכער די קלאַסען־געגענזאַצען. די גאַנצע געזעלשאַפט צושפּאַלט זיך

וואָס ווייטער אַלץ מעהר אויף צוויי גרויסע קלאַסען, וואָס שטעהען דירעקט איינער געגען דעם אַנדערען, — אויף בור־זשאַזיע און פּראָלעטאַריאַט.

פון די לייב־אייגענע אין דעם מיטעל־אַלטער זיינען אַרויס־געקומען די איינוואָהנער פון די ערשטע שטעדט. פון די דאָזי־גע שטאָדטיגע בירגער האָבען זיך ענטוויקעלט די ערשטע עלע־מענטען פון דער בורזשואַזיע.

די ענטדעקונג פון אַמעריקא און פון דעם נייעם וואַסער־וועג קיין אַפריקא האָבען געעפענט א נייע וועלט פאַר דער נאָר־וואָס אויפגעקומענער בורזשואַזיע. די מערק אין מזרח־אינדיען און כינאַ, די קאָלאָניזירונג פון אַמעריקאַ, דער מסחר מיט די קאָלאָניעס, די פאַרמעהרונג פון די אויסטויש־מיטלען און פון סחורות בכלל האָבען געבראַכט צו א אונערהער־טער אויפבליהונג פון האַנדעל, פון אינדוסטריע און פון דעם ים־פאַרקעהר; און דאָס גופא האָט געבראַכט דערצו, אַז די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטען פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, וועלכע האָט געהאַלטען ביי'ם פאַנאַנדערפאַלען, זאָלען זיך זעהר געשווינד ענטוויקלען.

די אַלטע פעאָדאַלע סיסטעם פון אינדוסטריע, אָדער די צעכען־פאָרם פון פּראָדוקציאָן האָט שוין מעהר ניט געקענט באַפרידיגען די נאָכפראַגע אויף סחורות, וועלכע איז אויסגע־וואַקסען צוזאַמען מיט דער ענטדעקונג פון די נייע מערק. אַנשטאָט איהר איז אויפגעקומען די מאַנופאַקטור־סיסטעם. דעם אָרט פון די צעכען־מייסטערס האָט פאַרנומען די אינדוס־טריעלע קליין־בורזשואַזיע. די צוטיילונג פון אַרבייט צווי־שען פאַרשידענע צעכען איז פאַרשוואונדען. איהר אָרט האָט פאַרנומען די צוטיילונג פון אַרבייט אין יעדען איינצעלנעם ווערקשטאַט.

אָבער די מערק זיינען נאָכאַנאַנד געוואַקסען, און די נאָכ־פראַגע אויף סחורה איז געוואָרען אַלץ גרעסער. די מאַנופאַק־טור איז שוין אויך געוואָרען צו קנאַפּ. אין דערזעלבער צייט האָט דער דאַמף און די מאַשין געמאַכט א רעוואָלוציע אין דער

אינדוסטריעלער פּראָדוקציאָן. אנשטאט דער מאַנופאַקטור איז אויפגעקומען די מאָדערנע אינדוסטריע, דאס פּלאַץ פון דעם אינדוסטריעלען מיטעל־קלאַס האָבען פארנומען די אינדוסטריעלע מיליאָנערען, די אנפיהרער פון גאַנצע אינדוסטריעלע אַרמעען, — די מאָדערנע בורזשואַזיע.

די גרויס־אינדוסטריע האָט באַשאַפען דעם וועלט־מאַרק, וועלכען עס האָט צוגעגרייט די ענטדעקונג פון אַמעריקאַ. דער וועלט־מאַרק האָט אונגעהייער גרויס ענטוויקעלט דעם האַנדעל, דעם שיפען־פאַרקעהר און די פאַרשידענע פאַרקעהרס־מיטלען אויף דער יבשה. די דאָזיגע ענטוויקלונג האָט זיך צוריק אָפּגע־רופען אויף דעם וואוקס פון דער אינדוסטריע. און וואָס מעהר עס האָט זיך ענטוויקעלט די אינדוסטריע, דער האַנדעל, דער שיפס־פאַרקעהר און די אייזענבאַהן, אַלץ מעהר איז אויך גע־וואַקסען די בורזשואַזיע, אַלץ שנעלער האָט זי פאַרמעהרט איהרע קאַפּיטאַלען, אַלץ גיכער האָט זי אָוועקגעשטופּט אויף'ן הינטערשטען פּלאַן אַלע קלאַסען, וואָס זיינען איבערגעבליבען בירושה פון מיטעל־אַלטער.

ווי מיר זעהען, איז די היינטיגע בורזשואַזיע גופא א פּראָ־דוקט פון א לאַנגען ענטוויקלונגס־פּראָצעס פון א גאַנצער רייהע איבערקעהרעניש [ען] און די מיטלען פון פּראָדוקציאָן און אויס־טויש.

און צוזאַמען מיט יעדער נייער ענטוויקלונגס־מדרגה פון דער בורזשואַזיע איז אויך געשטיגען איהר פּאָליטישער איינפלוס. עקזיסטירענדיג ווי אַן אונטערגעדריקטער שטאַנד בעת דער הערשאַפט פון די פעאָדאַלע פּריצים, פאַראייניגט זי זיך נאָכהער אין א זעלבסט־פאַרוואַלטענדער שטאָדטישער אָרגאַניזאַציע מיט אַן אייגענער באוואָפענטער מאַכט. אין איין פּלאַץ בילדעט זי אַן אונאָבהענגיגע שטאָדטישע רעפּובליק (ווי אין איטאַליען און דייטשלאַנד), אין א צווייטען — דעם „דריטען שטאַנד" פון דער מאָנאַרכיע (ווי אין פראַנקרייך), וועלכער טראָגט אויף זיך א געוויסען שטייערען־יאָך; שפּע־טער, אין דער צייט פון דער מאַנופאַקטור, דיענט שוין די בור־

זשוואַזיע דער האַלב-פעאָדאַלער, אָדער דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, אַלס אַ שטיצע געגען דעם אַדעל; די בורזשואַזיע בילדעט בכלל דעם הויפּט פונדאַמענט פון אַלע גרויסע מאָנאַרכיעס און זייט ס׳איז געגרינדעט געוואָרען די גרויס-אינדוסטריע און דער וועלט-מאַרק, האָט זי פאַר זיך ערקעמפּט די אויסשליסליכע פּאָליטישע הערשאַפט אין די מאָדערנע קאָנסטיטוציאָנעלע מ׳לוכות.

די היינטיגע מלוכה-מאַכט איז ניט מעהר ווי אַ קאָמיטעט, וועלכער פאַרוואַלטעט די געמיינשאַפטליכע געשעפטען פון דעם גאַנצען בורזשואַזען קלאַס.

די בורזשואַזיע האָט געשפּיעלט אין דער געשיכטע אַ העכסט רעוואָלוציאָנערע ראָלע.

אומעטום, וואו די בורזשואַזיע האָט באַקומען די הערשאַפט, האָט זי צושטערט אַלע פעאָדאַלע, פּאַטריאַרכאַלע, אידילישע פאַרהעלטניסע, זי האָט אָהן רחמנות צוריסען די פאַרשידענע פיעל-פאַרביגע פעאָדאַלע בענדער, מיט וועלכע עס זיינען געוועזען צוזאַמענגעקניפּט צווישען זיך דער קנעכט און דער האַר, אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, און זי האָט קיין אַנדער פאַרבינדונג צווישען די מענשען ניט איבערגעלאָזען אויסער די נאַקעטע אינטערעסען, די געפיהללאָזע „האַרטע מזומנים“. זי האָט דערטרונקען אין אייז-קאַלטען וואַסער פון עגאָאיסטישע חשבונות, די הייליגע התלהבות פון דעם פרומען פאַנאַטיקער, די באַגייסטערונג פון דעם מיטעלאַלטערליכען ריטער און די ווייכהערציגקייט פון דעם קליינעם בעל הבית. זי האָט פאַרביטען די פערזענליכע ווירדע אויף סחורה-ווערטה, די פיעלע ערוואָרבענע פרייהייטען און פריוויילעגיעס, וואָס פלעגען איבערגעהן בירושה, — מיט איין פרייהייט, — מיט דער פרייהייט צו האַנדלען פריי, פאַלש, אָהן יושר. מיט איין וואָרט, אַנשטאַט דער עקספּלואַטאַציע, וואָס איז פריהער איינגעוויקעלט געוועזען אין אַ שלייער פון פאַרשידענע רעליגיעזע און פּאָליטישע אילוזיעס, האָט זי אויפגעשטעלט

די אָפענע, די אונפאַרשעמטע, די האַרטע און דירעקטע עקס־פּלואַטאַציע.

די בורזשואַזיע האָט אָראָפּגעריסען דעם הייליגען שלייער פון אַלע מענשליכע טעטיגקייטען, אויף וועלכע מען האָט ביז אַהער געקוקט מיט אַ פרומען אפשיי. דעם דאָקטאָר, דעם יוריסט, דעם גלח, דעם רבי, דעם פּאָעט און דעם געלעהרטען האָט זי פאַרוואַנדעלט אין איהרע געדונגענע שכירות־מענשען.

די בורזשואַזיע האָט אַראָפּגעריסען דעם סענטי־מענטאַלען שלייער פון די פאַמיליען־באַציהונגען און האָט זיי געמאַכט פאַר אַ ריינעם געלד־געשעפט.

די בורזשואַזיע האָט באַוויזען אַז די ברוטאַלע, ווילדע גבורה פון מיטעל־אַלטער, פון וועלכע די רעאַקציאָנערען קענען זיך נאָך עד היום ניט אָפּוואונדערען, איז אויפ׳ן בעסטען אופן צונויפגעפּאַרט געווען מיט דער דאַמאַלדיגער אָפּגעלאָזענקייט און פוילקייט. די בורזשואַזיע איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט באַוויזען, וואָס די מענשליכע טעטיגקייט קען אויפטאָן. זי האָט באַשאַפען וואונדער־ווערק וואָס האָבען איבערגעשטיגען די וואונדער פון די פּיראַמידען אין מצרים, די וואַסער־לייטונגען אין דער רוימישער מלוכה און די גאָטישע קלויסטערס פון מיטעל־אַלטער; זי האָט אָנגעפיהרט עקספּעדיציעס, וואָס האָבען פאַר־טונקעלט אַלע פריהערדיגע נסיעות און קרייץ־צוגען.

די בורזשואַזיע קען אַנדערש ניט עקזיסטירען, וואו זי זאָל נאָכאַנאַנד ניט רעוואָלוציאָניזירען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, במילא אויך די פּראָדוקציאָנס פאַרהעלטניסע, במילא אויך אַלע געזעלשאַפטליכע פאַרהעלטניסע. אַלע פריהערדיגע אינדוסטריעלע קלאַסען האָבען, פאַרקעהרט, געקענט האָבען אַ קיום נאָר דאַן כל זמן עס זיינען געבליבען אונפאַרענדערט, די אַלטע פּראָדוקציאָנס פאָרמען.

די שטענדיגע איבערקעהרענישען אין דער פּראָדוקציאָן, די שטענדיגע צורודערונג פון דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען מעכאַניזם, די אייביגע אונזיכערהייט און אויפרעגונג — אָט דאָס צייכענט אוים די בורזשואַזע עפּאָכע פון אַלע אַנדערע. אַלע

פעסט, פאַרגליווערטע פאַרהעלטניסע מיט זייערע באַגלייטער
— די פאַרעלטערטע השגות און אידעען — ווערען פאַרשוואונ־
דען און די ניי־געשאַפענע פאַרהעלטניסע ווערען אלט נאָך
איידער זיי האָבען צייט געהאַט צו באַקומען הויט און ביינער.
אַלץ וואס שטעהט אויף איין אָרט און קען זיך ניט ענדערן, ווערט
חרוב, דער יחוס וועבט זיך אויס, די הייליגע ווערען וואָכעדיג
און די מענשען זיינען סוף כל סוף געצוואונגען צו קוקען מיט
ניכטערע אויגען אויף זייער לעבענס־לאַגע און זייערע געגענ־
זייטיגע באַציהונגען.

דאָס באַדערפניס צו באַקומען אַלץ אַ גרעסערען אַבזאַץ
פאַר איהרע סחורות טרייבט די בורזשואַזיע אין אַלע עקען
וועלט. אומעטום מוז זי זיך אויפבויען אַ נעסט, אומעטום מוז
זי זיך איינפונדעווען, אומעטום מוז זי אויפשטעלען פאַרבינ־
דונגען.

די בורזשואַזיע האָט דורך איהר עקספּלואַטאַציע פון דעם
וועלט־מאַרק געגעבען אַ קאָסמאָפּאָליטישען געשטאַלט דער
פּראָדוקציאָן און דעם געברויך פון אַלע לענדער. צום גרויסען
פאַרדרוס פון די רעאַקציאָנערען האָט זי אונטערגעגראָבען דעם
נאַציאָנאַלען באָדען פון דער אינדוסטריע. די אוראַלטע נאַ־
ציאָנאַלע אינדוסטריען זיינען חרוב געוואָרען און ווערען חרוב
פון טאָג צו טאָג. זיי ווערען אַרויסגעשטופּט דורך נייע אינדוס־
טריען, וואָס זייער איינפיהרען ווערט איצטער אַ לעבענס־פראַגע
פאַר אַלע ציוויליזירטע נאַציעס; דורך אינדוסטריען, וועלכע
באַארבייטען שוין ניט מעהר די אייגענע, היימישע רויהע שטאָ־
פען, נאָר די מאַטעריאַלען וואָס מען ברענגט פון די ווייטסטע
לענדער; דורך אינדוסטריען, וואָס זייערע פאַרטיגע פּראָדוק־
טען ווערען אָפּגעזעצט ניט נאָר אין דעם אייגענעם לאַנד, נאָר
אויך אין אַלע עקען פון דער וועלט. אנשטאַט די אַלטע באַדערפ־
ניסען, וועלכע פלעגען באַפרידיגט ווערען דורך די היימישע פּראָ־
דוקטען פון דעם אייגענעם לאַנד, קומען אויף נייע באַדערפניסען,
וועלכע מוזען באַפרידיגט ווערען דורך פּראָדוקטען פון די וויים־
סטע לענדער און פאַרשידענאַרטיגסטע קלימאַטען. אנשטאַט

דער אַלטער אָפּגעזונדערטקייט פון יעדער אָרט און יעדע נאַציאָן, וועלכע פלעגען באַפרידיגען זייערע באַדערפעניסען דורך דער אייגענער פּראָדוקציאָן, ענטוויקעלט זיך איצטער אַן אַלזייטיגער פאַרקעהר צווישען די נאַציאָנען און זיי ווערען אָפּהענגיג איינע פון די אנדערע. און דאָס זעלבע, וואָס אין דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, קומט אויך פאָר אין דער גייסטיגער. די ווערק פון דער גייסטיגער ארבייט פון איינצעלנע נאַציאָנען ווערען דאָס געמייןשאפטליכע פארמעגען פון אַלע פעלקער. די נאַציאָנאלע איינזייטיגקייט און באַגרענצקייט ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר אונמעגליך, און פון די פיעלע נאַציאָנאַלע און ארטיגע ליטעראַטורען בילדעט זיך איין וועלט־ליטעראַטור.

דורך דער שנעלער פאַרבעסערונג פון אַלע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, דורך די אונענדליך פאַרלייכטערטע פאַרקעהרס־מיטלען ציהט די בורזשואזיע אריין אין שטראָם פון דער ציוויליזאַציע אַלע פעלקער, אַפילו אויך די ווילדע. די ביליגע פרייזען פון איהרע סחורות — דאָס איז די שווערע ארטילעריע, מיט וועלכע זי צושמעטערט אַלע כינעזישע וועגד און איז גובר די האַרטנעקיגסטע שנאה פון די באַרבאַרען צו פרעמדע נאַציאָנען. זי צווינגט אַלע נאַציעס אנצונעמען די בורזשואזע פּראָדוקציאָנס־פאָרמע, אויב זיי ווילען נאָר ניט אונטערגעהן; זי צווינגט זיי איינצופיהרען ביי זיך די זאָגענאַנטע ציוויליזאַציע, דאָס הייסט, צו ווערען בורזשואַ. מיט איין וואָרט זי באַשאַפט זיך א וועלט נאָך איהר אייגענעם געשטאַלט.

די בורזשואזיע האָט געמאַכט די שטאָדט פאַר א בעל־הבית איבער'ן דאָרף, זי האָט באַשאַפען אונגעהייערע שטעדט, זי האָט ביז צו א גרויסען גראַד פאַרמעהרט די צאָהל פון דער שטאָדטישער באַפעלקערונג אויפ'ן חשבון פון דער דאָרפישער און האָט אויף אַזא אופן אָפּגעראַטעוועט א באַדייטענדען טייל פון דער באַפעלקערונג פון דעם אידיאָטיזם פון דאָרפישען לעבען.

און פונקט אַזוי ווי זי האָט אָפּהענגיג געמאַכט די דערפער פון די שטעדט, האָט זי אויך אָפּהענגיג געמאַכט די באַרבאַרישע

און האלב־באַרבאַרישע לענדער פון די ציוויליזירטע, די פויערשע לענדער פון די בורזשואַזע, די מזרח־לענדער פון די מערב־לענדער.

די בורזשואַזיע מאַכט אַלץ מעהר אַ סוף צו דער צעשפּליטערונג פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, פון דעם פאַרמעגען פון דער באַפעלקערונג. די באַפעלקערונג האָט זי צונויפגעפּרעסט, די פּראדוקציאָנס מיטלען צענטראַליזירט און דאס אייגענטום קאָנצענטרירט אין ווייניג הענט. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען די פּאָליטישע צענטראַליזאַציע. אונאָפּהענגיגע פּראָווינצען, וואָס זיינען קוים פאַרבונדען געווען צווישען זיך, פּראָווינצען מיט פאַרשידענע אינטערעסען, געזעצען, רעגירונגען, און שטייערען־סיסטעמען זיינען צוזאַמענגעפּרעסט געוואָרען אין איין נאַציאָן מיט איין רעגירונג, איין געזעץ, איין נאַציאָנאַלען קלאַסען אינטערעס, איין גרעניץ־ליניע.

די בורזשואַזיע האָט אין די קנאַפּע הונדערט יאָהר פון איהר קלאַסען־הערשאַפט געשאַפען גרעסערע און מעכטיגערע פּראָדוקציאָנס־קרעפטען, ווי אַלע פריהערדיגע דורות צוזאַמען. דער געוואַלטיגער נצחון איבער די כחות פון דער נאַטור, די איינפיהרונג פון מאַשינען, די אָנווענדונג פון כעמיע אין דער אינדוסטריע און אַגריקולטור, די דאַמפ־שיפען, אייזענבאַהנען, עלעקטרישע טעלעגראַפען ; — דאָס אַלעס האָט געהאָלפען מאַכען פּרוכטבאַר גאַנצע וועלט־טיילען, דאָס האָט געהאָלפען עפענען אַ וועג פאַר שיפען איבער פאַרשידענע טייכען און גאַנצע פעלקער זיינען מיט אַמאָל, ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסען.

האָט זיך עמיצער פאַרגעשטעלט אין די פריהערדיגע יאָהרהונדערטע, דאָס אַזעלכע פּראָדוקטיווע קרעפטען ליגען פאַרבאָרגען אין דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט ?

מען קען דאַרום זעהן, אַז די פּראָדוקציאָנס־און־פאַרקעהרס־מיטלען, וואָס אויף זייער יסוד איז די בורזשואַזיע אויסגעוואַקסען, זיינען ענטשטאַנען פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט. אויף אַ געוויסע ענטוויקלונגס־שטופע פון די דאָזיגע פּראָדוקציאָנס־און פאַרקעהרס־מיטלען האָבען די פאַרהעלטניסע,

ביי וועלכע די פעאדאלע געזעלשאפט האָט פּראָדוצירט און גע־האנדעלט, — די פעאָדאלע אָרגאַניזאציע פון אגריקולטור און מאנופעקטור, — מיט איין ווארט, די פעאָדאלע אייגענ־טומס־פארהעלטניסע האָבען אויפגעהערט צו זיין צוגעפּאסט צו די שוין ענטוויקעלטע פּראדוקטיווע קרעפטען. זיי — די אייגענ־טום פארהעלטניסע — האָבען אָנגעהויבען צו שטערען דער פּראדוקציאן, אנשטאט צו ערלייכטערען איהר ענטוויקלונג. זיי זיינען איצט געווארען איהרע קייטען, זיי האָבען געמוזט צוריסען ווערען און זיי זיינען צוריסען געווארען.

אויף זייער אָרט איז אויפגעקומען די פרייע קאָנקורענץ מיט אזא געזעלשאפטליכער און פּאָליטישער אָרדנונג, וואָס איז צוגעפּאסט צו איהר, מיט דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער הערשאפט פון דעם בורזשואזען קלאַס.

פאר אונזערע אויגען קומט איצט פאָר אן עהנליכער פּראָצעס. די בורזשואזע פארהעלטניסע פון דער פּראָדוקציאָן און פון דעם מסחר, די בורזשואזע אייגענטומס־פארהעלטניסע, די היינטיגע בורזשואזע געזעלשאפט, וועלכע האָט ווי דורך א כשוף געשאפען אזעלכע געוואלטיגע פּראָדוקציאָנס־און־פאר־קעהרס־מיטלען, איז געגליכען צו יענעם מכשף, וועלכער קען מעהר ניט באהערשען די רוחות וואָס ער אליין האָט ארויסגערו־פען פון אונטער דער ערד. שוין זייט צעהנדליגער יאָהרען איז די געשיכטע פון דער אינדוסטריע און מסחר ניט מעהר, ווי די געשיכטע פון דעם אויפשטאַנד פון די מאָדערנע פּראָדוקטיווע קרעפטען גע־גען די מאָדערנע פּראדוקציאנס־פארהעלטניסען, געגען די אייגענטומס־פארהעלטניסען, וועלכע זיינען די לעבענס־באדינ־גונגען פון דער בורזשואזיע און פון איהר הערשאפט. עס איז גענוג אָנצואווייזען אויף די האנדעלס־קריזיסען, וועלכע קומען פאָר פון צייט צו צייט און ווערען אלץ א גרעסערע סכנה פאר די עקזיסטענץ פון דער גאנצער בורזשואזער געזעל־שאפט. דורך די האנדעלס קריזיסען ווערט רעגעלמעסיג פארניכ־טעט א גרויסער טייל ניט נאָר פון די אויסגעארבייטע פּראָדוק־

מען, נאָר אויך פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען. די קריזיסען — דאָס איז אזא מין געזעלשאפטליכע עפּידעמיע, וועלכע מען וואָלט אין די פריהערדיגע עפּאָכען געהאלטען פאר א משונה'דיגען אונזין, — אַן עפּידעמיע פון איבערפּראָדוקציאָן. די געזעלשאפט פאלט פּלוצלונג צוריק אריין אין א צושטאַנד פון צייטווייליגער בארבאריי. פּונקט ווי א שרעקליכער הונגער אָדער א פּאַרוויסטענדע מלחמה וואָלטען מיט אמאָל פון איהר אָפּגענומען אלע לעבענסמיטלען. עס דוכט זיך, אז די אינדוסטריע, דער האנדעל זיינען איינגאנצען אומגעקומען. און פאר־וואָס? ווייל די געזעלשאפט באזיצט צופיעל ציוויליזאציע, פארמאָגט צופיעל לעבענסמיטלען, צופיעל אינדוסטריע, צופיעל מסחר. די פּראָדוקטיווע קרעפטען, וועלכע געפינען זיך אין איהר רשות, דיענען שוין מעהר ניט פאר דער ווייטערער אנטוויקלונג פון די בורזשואזע אייגענטומס־פארהעלטניסע; פאַרקערט, זיי זיינען געוואָרען צו גרויס פאר די דאָזיגע פארהעלטניסע, זיי ווערען דורך זיי אָפּגעהאלטען אין זייער וואוקס. און גלייך נאָר ווי די פּראָדוקטיווע קרעפטען זיינען גובר די דאָזיגע מניעה, ברייגנען זיי די גאנצע בורזשואזע געזעלשאפט אין אונאָרדנונג; זיי ווערען א סכנה פאר די עקזיסטענץ פון דעם בורזשואזען אייגענטום. די בורזשואזע פארהעלטניסע זיינען געוואָרען צו ענג, אום ארומצוכאפּען דאָס גאנצע עשירות, וועלכע זיי גופא האָבען באשאפען.

דורך וועלכע מיטלען איז די בורזשואזיע גובר די קריזיסען? פון איין זייט דורך דער געצוואונגענער פארניכטונג פון א סך פּראָדוקטיווע קרעפטען, פון דער צווייטער זייט — דורך דעם, וואָס זי פארכאפּט נייע מערק און סטארעט זיך גרינדליך אויסנוצען די אלטע. אָדער, ריכטיגער געזאָגט, דורך דעם, וואָס זי עפענט א וועג פאר נאָך טיפערע און שרעקליכערע קריזיסען און שוואכט אָפּ די מעגליכקייט צו באוואָרענען זיך פון זיי.

די וואפען, מיט וועלכע די בורזשואזיע האט באזיעגט דעם פעאָדאליזם ווערען איצט אנגעווענדעט געגען דער בורזשואזיע גופא.

אָבער די בורזשואזיע האָט ניט נאָר געשמידט די וואפען, וועלכע וועלען איהר ברענגען דעם טויט; זי האָט אויך די מענשען באשאפען, וועלכע וועלען אַנווענדען דיזע וואפען — די מאָדערנע ארבייטער, די פּ ר אָ ל ע ט א ר י ע ר.

אין דערזעלבער מאָס, אין וועלכער עס ענטוויקעלט זיך די בורזשואזיע, ד. ה. דער קאפּיטאַל, ענטוויקעלט זיך אויך דער מאָדערנער ארבייטער קלאס, דער פּראלעטאריאט — דאָס איז א קלאס פון ארבייטער, וואס קענען לעבען בלויז אזוי לאנג, ווי זיי קענען געפינען ארבייט; און ארבייט קענען זיי געפינען בלויז אזוי לאנג, ווי זייער ארבייט פארגרעסערט דעם ווערט פון קאפּיטאל. די דאזיגע ארבייטער, וואס מוזען זיך פארקויפען שטיקלעך־ווייז, זיינען פּונקט אזא סחורה ווי יעדער אנדער סחורה, און זיינען דעריבער אונטערוואָרפען צו די געזעצען פון קאָנקור־רענץ, צו אַלע ענדערונגען אויפ׳ן מארק.

די ארבייט פון די פּראָלעטאריער האָט צוליעב דער פאר־ברייטערטער אַנווענדונג פון מאשינען און צוליעב דער פארנאנ־דערטיילונג פון ארבייט אינגאנצען פארלאָרען איהר אינדיווידועלען כאראקטער און במילא אויך איהר גאנ־צען חן פאר דעם ארבייטער. ער ווערט בלויז א צוגאָב צו דער מאשין; ער דארף בלויז אויס־פיהרען איינע און דיזעלבע זעהר איינפאכע אפּערא־ציעס, וועלכע יעדער קאָן זיך גאנץ לייכט אויסלערנען. די הוצאות, וועלכע דער ארבייטער קאָסט, באטרעפען דעריבער ניט מעהר, ווי די לעבענסמיטלען, וועלכע ער דארף האָבען כדי צו ערהאלטען זיין אייגענעם לעבען און כדי זיין ראסע זאָל ניט אונטערגעהן. און אזוי ווי דער פּרייז פון א סחורה, במילא אויך פון ארבייט, איז גלייך צו די הוצאות, וועלכע עס קאָסט אפּ איהר פּראדוקציאָן, קומט דעריבער אויס, אז וואס אונאנגענעה־מער עס ווערט די ארבייט, אַלץ נידריגער פאַלען די שכירות. נאָך מעהר. אין דער זעלבער מאָס, אין וועלכער עס פארברייי־טערט זיך די אַנווענדונג פון מאשינען און עס וואקסט די צוטיי־לונג פון דער ארבייט, פארגרעסערט זיך אויך די משא האָרע־

וואָגיע — דורך דער גרעסערער אנשטרענגונג וואס דער שנעלער לויף פון די מאַשינען פאָדערט פונ'ם אַרבייטער, דורך דער פאַרלייגערונג פון דער אַרבייטס־צייט.

די היינטיגע אינדוסטריע האָט פאַרוואַנדעלט דעם קליינעם ווערקשטאַט פון דעם פּאַטריאַרכאַלישען בעל מלאכה אין אַ פאַבריק פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט. מאַסען אַרביי־טער, צונויפגעפּרעסטע אין דער פאַבריק, ווערען אָרגאַניזירט ווי סאָלדאַטען. ווי פּראָסטע אינדוסטריע־סאָלדאַטען געפינען זיי זיך אונטער דער אויפזיכט פון אַ גאַנצער באַנדע אונטער־אָפיצירען און אָפיצירען. זיי זיינען ניט נאָר קנעכט ביי דעם בורזשואַזען קלאַס, ביי דער בורזשואַזער מלוכה; זיי זיינען יעדען טאָג און יעדע שעה פאַרשקלאַפט פון דער מאַשין, פון דעם אויפזעהער און קודם כל פון דעם איינצעלנעם בורזשואַ, פון דעם פאַבריקאַנט גופא. דיזער דעספּאָטיזם איז אַלץ קליינ־ליכער, העסליכער און ערביטערענדער, וואָס מעהר עפענטליך ער שטעלט אַרויס די פאַרדינסט אַלס זיין צוועק.

וואָס ווייניגער קענטעניס, וואָס ווייניגער קרעפטען מען דאַרף האָבען צו פיזישער אַרבייט, ד. ה., וואָס מעהר עס ענט־וויקעלט זיך די היינטיגע אינדוסטריע, אַלץ מעהר ווערט די מענער־אַרבייט אַרויסגעשטופּט דורך דער פרויען־אַרבייט. דער אונטערשיעד צווישען געשלעכט און עלטער האָט בנוגע דעם אַרבייטער־קלאַס פאַרלאָרען יעדע געזעלשאַפטליכע באַדייטונג. עס עקזיסטירען נאָר פאַרשידענע אַרבייטס־אינסטרומענטען, אויף וועלכע עס פאַלען פאַרשידענע הוצאות לויט זייער געשלעכט און עלטער.

אַז עס ענדיגט זיך שוין די עקספּלואַטאַציע פון אַרבייטער דורך דעם פאַבריקאַנט און דער אַרבייטער באַקומט שוין במזומן זיין אַרבייטס־לוין, דאַן פאַלען אויף איהם אַרויף די איבעריגע טיילען פון דער בורזשואַזיע, — דער הויזווירט, דער קרעמער, דער מלוה, א. ז. וו.

די ביז איצטיגע קליינע בעל־הבתים, די מיטעלע שטאַנדען, ווי די קליינע אינדוסטריעלע סוחרים און פּראָצענטניקעס, בעל

מלאכות און פּויערים; אַלע דיזע קלאַסען פּאַלען אריין אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט, טיילווייז צוליעב דעם, וואָס זייער קליינער קאַפּיטאַל איז צו ווענינ אויף צו פיהרען א געשעפט פון דער היינטיגער גרויס־אינדוסטריע און זיי קענען ניט אויס־האַלטען די קאָנקורענץ פון די גרויסע קאַפּיטאַליסטען, טיילווייז צוליעב דעם, וואָס זייער קענטעניס און בריה'שאַפט פאַרלירען זייער ווערט ביי די נייע פּראָדוקציאָנס פאָרמען. אויף אזא אופן רעקרוטירט זיך דער פּראָלעטאַריאַט פון אַלע קלאַסען פון דער באַפעלקערונג.

דער פּראָלעטאַריאַט מאַכט דורך פאַרשידענע ענטוויקלונגס שטופען. זיין קאַמף געגען דער בורזשואַזיע הויבט זיך אָן צוזאַמען מיט זיין עקזיסטענץ.

אין אנפאַנג קעמפען די איינצעלנע ארבייטער פון איין פאַבריק, שפּעטער די ארבייטער פון א גאַנצען פאַך אין איין ארט געגען דעם איינצעלנעם בורזשוא, וועלכער עקספּלואַטירט זיי די־רעקט. זיי גרייפען ניט אָן די בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס פאַר־העלטנים; זיי פאַלען אָן אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטלען גופא. זיי מאַכען חרוב די אויסלענדישע סחורות, וועלכע קאָנקורירען מיט די היימישע; זיי צוברעכען די מאַשינען, זיי צינדען אונטער די פאַבריקען, זיי שטרעבען אויף־דאָס־ניי אומצוקעהרען דעם אונטערגעגאַנגענעם צושטאַנד פון דעם מיטעלאַלטערליכען ארבייטער.

אויף דיזער שטופע בילדען די ארבייטער נאָך אלץ א מאַסע, וואָס איז צושפּרייט איבער'ן גאַנצען לאַנד און איז צושפּליטערט פון דער אייגענער געגענזייטי־גער קאָנקורענץ. אויב די ארבייטער טרעטען ווען ארויס צוזאַ־מען אין געשלאָסענע רייהען, איז דאָס נאָך ניט א רעזולטאַט פון זייער אייגענער פאַראייניגונג, נאָר פון דער פאַראייניגונג פון דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט געמוזט, צוליעב איהרע אייגענע פּאָליטישע צוועקען, ברייננען אין א צושטאַנד פון באַוועגונג דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט און וועלכע האָט עס נאָך צו יענער צייט געקענט אויספיהרען. אויף דיזער שטופע קעמפען אלזא

די פּראָלעטאַריער ניט געגען זייערע אייגענע פיינד, נאָר געגען זייערע שונאים׳ם פיינד — געגען די רעשטלעך פון דער אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע, געגען די ערד־באַזיצער, געגען די קליינבירגער. די גאַנצע געשיכטליכע באַוועגונג איז אויף אַזאַ אופן קאָנצענטרירט אין די הענד פון דער בורזשואַזיע; יעדער אויסגעקעמפטער נצחון איז אַ זיג פון דער בורזשואַזיע.

אָבער מיט דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע וואַקסט דער פּראָלעטאַריאַט ניט נאָר אין צאָהל; ער ווערט אויך צוזאַמענגעצויגען אין גרעסערע מאַסען, עס וואַקסט זיין קראַפט און ער פיהלט זי מעהר. די אינטערעסען, די לעבענסלאַגע פון די פאַרשיעדענע גרופּען פון פּראָלעטאַריאַט גלייכען זיך אַלץ מעהר אויס, די אָנווענדונג פון מאַשינען שאַפט אַלץ מעהר אָפּ די אונטערשידען אין דער אַרבייט און זעצט אַראָפּ די אַרבייטסלוין כמעט אומעטום אויף אַ גלייך נידעריגען שטאַנד. די וואַקסענדע קאָנקורענץ צווישען דער בורזשואַזיע, און די געשעפטסקריזיסען, וועלכע קומען דערפון אַרויס, מאַכען אַלץ מעהר וואַקלענד דעם אַרבייטערס לוין; אַ דאַנק די מאַשינען, וועלכע ענטוויקלען זיך וואָס ווייטער אַלץ שנעלער און ווערען כסדר אויסגעבעסערט, ווערט אַלץ אונזיכערער די גאַנצע עקזיסטענץ פון דעם אַרבייטער; די סכסוכים צווישען די איינצעלנע אַרבייטער און די איינצעלנע בורזשוען נעהמען אַלץ מעהר אָן דעם כאַראַקטער פון סכסוכים צווישען צוויי קלאַסען. די אַרבייטער הויבען אָן דערמיט, וואָס זיי בילדען פאַראיינען אויף צו קעמפען מיט די קאַפּיטאַליסטען; זיי פאַראייניגען זיך כדי איינצוהאַלטען זייער אַרבייטס־לוין. זיי גרינדען אפילו שטענדיגע אַסאָציאַציעס, כדי צו זיין גרייט פאַר אַזעלכע קעמפע. אין אַנדערע ערטער געהט איבער דער קאַמף אין אָפענע בונטען.

פון צייט צו צייט זיגען די אַרבייטער, אָבער נאָר אויף אַ ווייַלע. דער ווירקליכער רעזולטאַט פון זייער קאַמף איז ניט דער דירעקטער ערפאָלג, נאָר די אַלץ וואַקסענדע פאַראייניגונג פון די אַרבייטער. די דאָזיגע פאַראייניגונג ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך די וואַקסענדע פאַרקעהרס־מיטלען, וועלכע די

מאָדערנע אינדוסטריע האָט געשאַפן און וועלכע פאַרבינדען די ארבייטער פון פארשידענע געגענדען. און מעהר ווי די פאַר־בינדונגען דאַרף מען ניט, אום די פיעלע אָרטיגע קעמפע, וועלכע טראָגען אומעטום דעמזעלבען כאַראַקטער, זאָלען זיך צענטראַליזי־רען אין איין נאַציאָנאַלען קאַמף, אין איין קלאַסען־קאַמף. יעדער קלאַסענקאַמף איז אָבער א פּאָליטישער קלאַסענקאַמף, און די פאַראייניגונג, אויף וועלכע די בירגער פון מיטעל־אַלטער מיט זייערע צרה׳דיגע פאַרקעהרס־וועגען האָבען געדאַרפט האָבען הונדערטער יאהרען, פיהרען דורך אין לעבען די היינטיגע פּראָ־לעטאַריער מיט דער הילף פון די אייזענבאַהנען אין פאַרלויף פון עטליכע יאהר.

דאָס אָרגאַניזירען פון די פּראָלעטאַריער אין א קלאַס און דערמיט אויך אין א פּאָליטישער פּאַרטיי ווערט אַלע ווייַלע גע־שטערט דורך דער קאָנקורענץ צווישען די ארבייטער גופא. אָבער די אָרגאַניזאַציע ענטשטעהט יעדער מאָל פון דאָס ניי און ווערט אַלץ שטאַרקער, פעסטער, מעכטיגער. זי דערשלאָגט זיך געוויסע געזעצען אויף צו פאַרהיטען די אָדער יענע אינטערעסען פון די ארבייטער, באַנוצענדיג זיך מיט די שפּאַלטונגען פון דער בורזשואזיע צווישען זיך. אזוי איז עס געווען מיט דעם געזעץ וועגען דעם 10 שעה׳דיגען ארבייטס־טאָג אין ענגלאַנד.

די מחלוקת צווישען די קלאַסען אין דער אַלטער געזעל־שאַפט פאַרגיכערען אויף פאַרשידענע אופנים דעם ענט־וויקלונגס־גאַנג פון דעם פּראָלעטאַריאַט. די בורזשואזיע פיהרט שטענדיג א קאַמף: צוערשט געגען דער אַריסטאָקראַטיע; שפּעטער — געגען יענע טיילען פון דער בורזשואזיע גופא וואָס זייערע אינטערעסען ווידערשפּרעכען דער ווייטערער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע; שטענדיג — געגען דער בורזשואזיע פון אַלע פרעמדע לענדער. אין דיזען קאַמף איז די בורזשואזיע געצוואונגען זיך שטענדיג צו ווענדען צום פּראָלעטאַריאַט, צו שטיצען זיך אויף זיין הילף און זי ציהט איהם אויף אזא אופן אריין אין דער פּאָליטישער באַוועגונג. די בורזשואזיע פאַר־שפּרייט דערמיט צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט איהר אייגענע

פּאָליטישע בילדונג, ד. ה., זי גיט איהם וואפען געגען זיך אליין.

ווייטער, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן ווערען צוליעב דעם פּראגרעס אין דער אינדוסטריע גאנצע טיילען פון די הערשענדע קלאסען אראפּגעוואָרפען צום פּראָלעטאריאט, אדער זיי פּארלירען ווענינגסטענס די זיכערהייט אין זייער עקזיסטענץ. אויך זיי טראָגען אריין אין דעם פּראָלעטאריאט א סך בילדונגס־עלע־מענטען.

ענדליך, אין די צייטען, ווען דער קלאסען־קאמף קומט נעהנ־טער צו זיין ענטשיידונג נעהמט אָן דער פּאנאנדערפּאלונגס־פּראָ־צעס פון דעם הערשענדען קלאס, פון דער גאנצער אלטער געזעל־שאפט אזא העפטיגען און שארפען כאראקטער, אז א קליינער טייל פון דעם הערשענדען קלאס שפּאלט זיך פון איהם אָפּ און שטעהט צו צום רעוואָלוציאָנערען קלאס, צו יענעם קלאס, וועל־כער טראָגט אין זיינע הענד די צוקונפט. פּונקט ווי פריהער איז א טייל פון דעם אדעל אריבערגעגאנגען אויפ'ן צד פון דער בור־זשואזיע, אזוי געהט איצטער אריבער צום פּראָלעטאריאט א טייל פון דער בורזשואזיע, נעמליך, א טייל פון די בורזשואזע אידעאָ־לאָגען, וועלכע האָבען זיך אויפגעהויבען צו דעם טעאָרעטישען פארשטאנד פון דער גאנצער היסטאָרישער באוועגונג.

פון אלע קלאסען, וואס שטעהען איצט געגען די בורזשואזיע איז נאָר דער פּראָלעטאריאט א ווירקליך רעוואָלוציאָנערער קלאס. די איבעריגע קלאסען שטארבען אָפּ און געהען אונטער מיט דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע. דער פּראָלע־טאריאט איז איהר אייגען קינד.

די מיטעלע קלאסען, — דער קליינער אונטערנעמער, דער קליינער סוחר, דער האנדווערקער, דער פּויער, — זיי אלע קעמ־פען געגען דער בורזשואזיע, כדי צו באוואָרענען זיך פון אונטער־גאנג, און פארהיטען זייער עקזיסטענץ אלס טיילען פונ'ם מיטעל־קלאס. זיי זיינען אלזאָ ניט רעוואלוציאָנער, נאָר קאָנסערוואטיוו. נאָך מעהר, זיי זיינען רעאקציאָנער, ווייל זיי ווילען דרעהען צוריק די ראָד פון דער געשיכטע. רעוואָלוציאָנער זיינען זיי נאָר דאַן, ווען זיי האָבען אין זינען זייער פאָרשטעהענדען איבערגאנג אין

די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט, ווען זיי פאַרטיידיגען ניט זייערע געגענוווערטיגע, נאָר זייערע צוקונפטיגע אינטערעסען, ווען זיי פאַרלאָזען זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, כדי צו שטעלען זיך אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער לומפּען־פּראָלעטאַריאַט, — די פּאַסיווע, צופוילטע אונ־טערסטע שיכטען פון דער אַלטער געזעלשאַפט, — ווערט ערטער־ווייז דורך אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָן אריינגעשליידערט אין דער באַוועגונג, אָבער נאָך זיין גאַנצע לעבענסלאַגע איז ער מעהר גרייט זיך צו לאָזען אונטערקויפען פון אַלערליי רעאַקציאָ־נערע אינטריגען.

די לעבענס־באַדינגונגען פון דער אַלטער געזעלשאַפט עקזיס־טירען שוין ניט מעהר אין די לעבענס־באַדינגונגען פון פּראָלע־טאַריאַט. דער פּראָלעטאַריער האָט ניט קיין פאַרמעגען; זיינע באַציהונגען צו ווייב און קינד זיינען גרינדליך פאַרשידען פון די בורזשואזע פאַמיליען באַציהונגען; די היינטיגע אינדוסטריעלע ארבייט, די היינטיגע פאַרשקלאַפונג אונטער דעם קאַפּיטאַל, דיזעלבע אין ענגלאַנד ווי אין פראַנקרייך, אין אַמעריקאַ ווי אין דייטשלאַנד, האָט אָראָפּגענומען פון איהם יעדען נאַציאָנאַלען כאַראַקטער. די געזעצען, די מאָראַל, די רעליגיאָן זיינען פאַר איהם נאָר פאַרשידענע בורזשואזע אַבערגלויבענס, הינטער וועלכע עס זיינען פאַרבאָרגען פאַרשידענע בורזשואזע אינ־טערעסען.

אַלע פריהערדיגע קלאַסען, וועלכע האָבען זיך דערשלאָגען צו הערשאַפט, פּלעגען זיך סטאַרען צו באַוואָרענען זייער ערקעמפטע לעבענס־לאַגע דורך דעם, וואָס זיי פּלעגען די גאַנצע געזעלשאַפט צופּאַסען צו די באַדינגונגען פון זייער פרנסה. די פּראָלעטאַריער קענען אריינגעמען צו זיך אין די הענד די געזעל־שאַפטליכע פּראָדוקטיווע קרעפטען נאָר דאַן, ווען זיי וועלען אָפּשאַפען דעם אופן אויף וועלכען זיי האָבען אַליין ביז אהער געצויגען זייער חיונה, און דערמיט אויך די גאַנצע סיסטעם פון די איצטיגע פרנסות. די פּראָלעטאַריער האָבען גיט וואָס צו פאַרהיטען און פאַרזיכערען, זייער מיסיאָן איז צו צושטערען אַלע

ביז איצטיגע פּריוואַטע זיכערהייטען און פאַרזיכערונגען פון פּרי־וואַט־אייגענטום.

אַלע פריהעריגע היסטאָרישע באַוועגונגען זיינען געווען באַוועגונגען פון דער מינדערהייט, אָדער אין די אינטערעסען פון דער מינדערהייט. די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג איז אַ זעלבסטשטענדיגע באַוועגונג פון דער אונגעהייערער מעהרהייט. דער פּראָלעטאַריאַט, — די אונטערשטע שיכט פון דער איצטי־גער געזעלשאַפט, — קען זיך ניט אויפהויבען, קען ניט אויפ־געריכט ווערען, סיידען עס זאָל אויפגעריסען ווערען אין דער לופ־טען דער גאַנצער געבוי פון די אויבערשטע שיכטען, וועלכע בילדען די אָפיציעלע געזעלשאַפט.

דער קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט געגען דער בורזשואַזיע איז, נים לויט זיין אינהאַלט, נאָר לויט זיין פאָרם, צוערשט אַ נאַציאָנאַלער. דער פּראָלעטאַריאַט פון יעדער לאַנד מוז, פאַר־שטעהט זיך, קודם כל פאַרטיג ווערען מיט זיין אייגענער בור־זשואַזיע.

שילדערענדיג אין אַלגעמיינע שטריכען די ענטוויקלונגס־פאַזען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, האָבען מיר באַשריבען דעם מעהר אָדער ווייניגער פאַרבאָרגענעם בירגער־קריעג, וואָס קומט פאָר אין דער היינטיגער געזעלשאַפט, ביז צו דעם פונקט, וואו דער בירגער־קריעג געהט איבער אין אַן אָפענער רעוואָלוציע, און דער פּראָלעטאַריאַט וואַרפט אַראָפּ מיט גוואַלד די בורזשואַזיע און לעגט דעם פונדאַמענט פאַר זיין אייגענע הערשאַפט.

יעדע ביז איצטיגע געזעלשאַפט האָט, ווי מיר האָבען געזעהן, זיך געשטיצט אויף דעם געגענזאַץ צווישען אונטערדריקענדע און אונטערדריקטע קלאַסען. כדי אָבער צו קענען אונטערדריקען אַ קלאַס, מוז מען איהם באַוואָרענען מיט אַזעלכע באַדינגונגען, ביי וועלכע ער זאָל ווענינגסטענס קענען אונטערהאַלטען זיין קנעכ־טישען לעבען. דער לייב־אייגענער האָט נאָך ביי דער הער־שאַפט פון לייב־אייגענשאַפט זיך געקענט דערשלאָגען צו ווערען אַ מיטגליעד פון דער שטאָדטישער קאָמונע, פּונקט אַזוי ווי דער

קליינבירגער האָט זיך אויפגעהויבען ביז צו דער מדרגה פון א בורזשוא אונטער דעם יאָך פון פעאָדאַלען אבסאָלוטיזם. דער היינטיגער ארבייטער, פארעקהערט, אנשטאָט זיך צו דערהויבען דורך דעם פראָגרעס פון דער אינדוסטריע, זינקט אלץ טיעפער אראָפּ אונטער די לעבענס־באַדינגונגען פון זיין אייגענעם קלאַס. דער ארבייטער ווערט אַן אביון און די אביונות וואקסט נאָך שנעלער איידער די באַפעלקערונג און די עשירות. דערפון זעהט מען קלאָר, אז די בורזשואזיע איז אונפעהיג לייננער צו בלייבען דער הערשענדער קלאַס פון דער געזעלשאפט. זי איז אונפעהיג צו הערשען, ווייל זי איז אונפעהיג צו זיכערען די עקזיסטענץ פון איהרע שקלאפען אפילו אין די גרענעצען פון זייער שקלאפעריי, ווייל זי איז געצוואונגען צו לאָזען זיי פאלען ביז צו אזא נידריגער לאַגע, ביי וועלכע זי מוז זיי שפייזען אנשטאט געשפייזט צו ווערען פון זיי. די געזעלשאפט קען מעהר קיין קיום ניט האָבען אונטער דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע, ד. ה., דער קיום פון דער בורזשואזיע איז אונערטרעגליך געוואָרען פאר דער געזעלשאפט.

די וויכטיגסטע באדינגונג פאר דער עקזיסטענץ און פאר דער הערשאפט פון דעם בורזשואזען קלאַס איז די אַנזאמלונג פון רייכטום אין די הענד פון פריוואטע מענשען, די בילדונג און די פארמעהרונג פון קאפיטאל; דער קאפיטאל קען ניט עקזיסטירען אָהן לוין־ארבייט. די לוין־ארבייט אָבער שטיצט זיך דורכאויס אויף דער קאָנקורענץ פון די ארבייטער צווישען זיך. דער פראָגרעס פון דער אינדוסטריע, וועלכען די בורזשואזיע איז ניט ווילענדיג געצוואונגען צו טרייבען פאָרווערטס, מאכט א סוף צו דער אפגעזונדערטקייט פון די ארבייטער דורך דער קאָנקורענץ און שטעלט אויף איהר ארט זייער פאראייניגונג דורך אסאָציאציעס. מיט דער ענטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע ווערט אויף אזא אופן אונטערגעגראָבען דער יסוד, אויף וועלכען די בורזשואזיע פראָדוצירט און עקספראפריאירט רייכטום. די בורזשואזיע באַשאפט אזוי ארום איהרע אייגענע קברות־לייט. איהר אונטער־

גאַנג און דער זיעג פון פּראָלעטאַריאַט זיינעןביידע גלייך אונ־פאַרמיידליך.

.2

## פּראָלעטאַריער און קאָמוניסטען.

אין וועלכע באַציהונגען שטעהען די קאָמוניסטען צו די פּראָלעטאַריער בכלל?

די קאָמוניסטען זיינען ניט קיין באַזונדער פּאַרטיי, וואָס שטעהט געגען אַנדערע אַרבייטער פּאַרטייען.

זיי האָבען ניט קיין אַנדערע אינטערעסען, אויסער די אינ־טערעסען פון דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט.

זיי זיינען ניט קיין אָפּגעזונדערטע סעקטע, וואָס שטרעבט צו אונטערוואַרפען און פאָרמירען די פּראָלעטאַרישע באַוועגונג לויט איהרע אייגענע פּרינציפּען.

די קאָמוניסטען אונטערשיידען זיך פון די איבעריגע פּראָ־לעטאַרישע פּאַרטייען, ערשטענס דערמיט, וואָס אין די נאַציאָ־נאַלע קעמפע פון די פּראָלעטאַריער פון פאַרשידענע לענדער שטרייכען זיי אונטער און רוקען אַרויס אויפ'ן ערשטען פּלאַן די געמיינזאַמע אינטערעסען פון דעם גאַנצען פּראָלעטאַריאַט, וועלכע זיינען אונאָפּהענגיג פון זיין נאַציאָנאַליטעט, און, צווייטענס, דערמיט, וואָס אין די פאַרשידענע שטופען דורך וועלכע עס ענטוויקעלט זיך דער קאַמף צווישען פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע, פאַרטרעטען זיי די אינטערעסען פון דער גאַנצער באַוועגונג בכלל.

די קאָמוניסטען, אַלזאָ, זיינען פּראַקטיש דער ענטשידענ־סטער, שטענדיג פאָרוועררטס טרייבענדער טייל פון די אַרביי־טער פּאַרטייען אין אַלע לענדער; אין פאַרגלייך מיט דער איבעריגער מאַסע פון פּראָלעטאַריאַט, האָבען זיי, טעאָרעטיש, די מעלה וואָס זיי פאַרשטעהען קלאָר די באַדינגונגען, דעם

גאַנג און די ענדליכע אַלגעמיינע רעזולטאַטען פון דער פּראָלעטאַ־רישער באַוועגונג.

דער נאָהענסטער ציעל פון די קאָמוניסטען איז דערזעל־בער ווי ביי אַלע איבעריגע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען: — די אָרגאַניזירונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין אַ קלאַס, די פּאַר־ניכטונג פון דער בורזשואַזער הערשאַפט און די עראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורך דעם פּראָלעטאַריאַט.

די טעאָרעטישע כללים פון די קאָמוניסטען זיינען בשום אופן ניט געבויט געוואָרען אויף אידעען, אויף פּרינציפּען, וועלכע דער אָדער יענער וועלט־פאַרזאָרגער האָט אויסגעטראַכט אָדער ענטדעקט.

דיזע כללים דריקען נאָר אויס אין אַן אַלגעמיינער פאָרם די פאַקטישע פאַרהעלטניסע פון דעם עקזיסטירענדען קלאַסען־קאַמף, פון דער היסטאָרישער באַוועגונג, וואָס ענטוויקעלט זיך פאַר אונזערע אויגען. די שטרעבונג אָפּצושאַפען די אַלטע אייגענטומס־פאַרהעלטניסע איז ניט כאַראַקטעריסטיש דוקא פאַר דעם קאָמוניזם אַליין.

אַלע אייגענטומס־פאַרהעלטניסע האָבען זיך שטענדיג געבי־טען, זיך שטענדיג געענדערט אין פאַרלויף פון דער מענשלי־כער געשיכטע.

די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, צום ביישפּיעל, האָט אָפּגע־שאַפט דעם פעאָדאַלען אייגענטום צו גונסטען פון דעם בורזשואַ־זען אייגענטום.

דער קאָמוניזם צייכענט זיך אויס ניט דערמיט, וואָס ער וויל אָפּשאַפען אייגענטום בכלל, נאָר דערמיט וואָס ער וויל אָפּ־שאַפען דאָס בורזשואַזע אייגענטום.

אָבער דאָס איצטיגע בורזשואַזע פּריוואַט־אייגענטום איז דער לעצטער און שאַרפסטער אויסדרוק פון אַזאַ פּראָדוקציאָן און פאַרטיילונג, וועלכע זיינען געבויט אויף קלאַסען־געגענזאַ־צען און אויף דער עקספּלואַטאַציע פון איין מענשען דורך דעם צווייטען.

אין דעם זין קענען די קאָמוניסטען אויסדריקען זייער

טעאריע אין די פאלגענדעווערטער: דאס אפשאפען פון פריוואט אייגענטום.

אונז, קאָמוניסטען, האָט מען אויפגעוואָרפען, אז מיר ווילען אפשאפען דאס פערזענליך־ערווארבענע, כשר פארדיענטע אייגענטום, — דאָס אייגענטום, וועלכער איז כלומרשט דער יסוד פון יעדער פערזענליכע פרייהייט, טעטיגקייט און זעלבסטשטענדיגקייט.

ערווארבענעס, פארהארטעוועטעס, כשר - פארדיענטעס אייגענטום! וועגען וועלכען אייגענטום רעדט איהר? וועגען דעם אייגענטום פון די קליינבירגער און קליינע פויערים, וואָס האָט עקזיסטירט נאָך פאר דעם בורזשואזען אייגענטום? אונז איז ניט נויטיג אפצושאפען עס; די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע האָט איהם אָפגעשאפט און שאפט איהם אָפ טאָג־טעגליך.

אָדער איהר רעדט אפשר וועגען דעם היינטיגען בורזשואזען אייגענטום?

שאפט דער לוין ארבייטער, דער פראָלעטאריער, דורך זיין ארבייט וועלכען־ניט־איז אייגענטום פאר זיך? בשום אופן ניט. ער שאפט קאפיטאל, דאָס הייסט, אזא סארט אייגענטום, וועלכער עקספלואטירט דעמאָלט לוין ארבייט, און וועלכער קען זיך פארמעהרען נאָר ווען עס קריגט נייע לוין־ארבייט צו עקספלואטירען. אייגענטום אין זיין איצטיגען געשטאלט האלט זיך אויף דעם געגענזאץ צווישען קאפיטאל און לוין־ארבייט, לאָמיר באטראכטען דיביידע זייטען פון דיזען געגענזאץ:

זיין א קאפיטאליסט הייסט פארנעמען אין דער פראָדוקציאָן ניט בלויז א ריין פערזענליכע, נאָר אויך א געוויסע געזעלשאפטליכע שטעלונג. דער קאפיטאל איז א געמיינשאפטליכער פראָדוקט און מען קען איהם לאָזען אין גאנג נאָר דורך דער געמיינזאמער טעטיגקייט פון פיעל מיטגלידער, אין דער אונטערשטער שורה — דורך דער טעטיגקייט פון אלע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט.

דער קאַפּיטאַל איז אויף אַזאַ אופן ניט קיין פּערזענליכע מאַכט, נאָר אַ געזעלשאַפטליכע.

און במילא ווען דער קאַפּיטאַל וועט ווערען קהל'שע אייגענטום, וואָס געהערט צו אַלע מיטגליעדער פון דער געזעל־שאַפט, וועט דאס ניט הייסען, אז דאס פּערזענליכע אייגענטום האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אַ געזעלשאַפטליכען. עס וועט זיך נאָר אומענדערען דער געזעלשאַפטליכער כאַראַקטער פון דעם אייגענטום. אייגענטום וועט פאַרלירען זיין קלאַסען־כאַראַק־טער.

מיר געהען איבער צו דער לוין־אַרבייט.

דער דורכשניטליכער פּרייז פון לוין־אַרבייט איז דער מינימום פון אַרבייטס־לוין, דאָס הייסט, די סומע לעבענס־מיטלען וועלכע זיינען נויטיג דעם אַרבייטער כדי אונטערצו־האַלטען זיין לעבען און צו קענען אַרבייטען. וואָס דער לוין־אַרבייטער באַקומט פאַר זיין אַרבייט קלעקט נאָר אויף אונ־טערצוהאַלטען די נשמה. מיר דענקען פאַר קיין פאַל ניט אָפּ־צושאַפען אָט דיזע פּערזענליכע פאַרדינסטען, וועלכע דיענען דעם אַרבייטער אויף אונטערצוהאַלטען די נשמה און פון וועלכען עס בלייבט ניט קיין ריינער פּראָפיט, וואָס זאָל קענען שאַפען אַ ממשלה איבער פרעמדע אַרבייט. אָפּשאַפען ווילען מיר בלויז דעם צרה'דיגען כאַראַקטער פון די דאָזיגע פאַרדינסטען. אָפּשאַפען ווילען מיר נאָר יענע באַדינגונגען, אונטער וועלכע דער אַרביי־טער לעבט, די באַדינגונגען אונטער וועלכע דער אַרבייטער פאַרמעהרט בלויז דעם קאַפּיטאַל און לעבט נאָר אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דער הערשענדער קלאַס האָט אַ נוץ פון זיין לעבען.

אין דער בורזשואזער געזעלשאַפט איז די לעבעדיגע אַרבייט נאָר אַ מיטעל אויף צו פאַרמעהרען די אָנגעזאַמעלטע אַרבייט. אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט איז די אָנגע־זאַמעלטע אַרבייט נאָר אַ מיטעל אויף צו פאַרברייטערען, רייכער און שענער צו מאַכען די עקזיסטענץ פון די אַרבייטער.

אין דער בורזשואזער געזעלשאַפט הערשט אַלזאָ, די פאַר־גאַנגענהייט איבער דער געגענוואַרט ; אין דער קאָמוניסטי־

שער געזעלשאַפט, פאַרקעהרט, די געגענוואַרט איבער דער פאַרגאַנגענהייט. אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט איז דער קאַפּיטאַל זעלבסטשטענדיג און אינדיווידועל אין דער צייט ווען דער לעבעדיגער מענש איז אונזעלבסשטענדיג און ניט־אינדיווידועל.

און וועגען דער אָפּשאַפונג פון אַזעלכע פאַרהעלטניסע שרייט דאָס די בורזשואַזיע, אַז דאָס איז אַן אָפּשאַפונג פון פּערזענליכקייט און פרייהייט! און זי איז טאַקע גערעכט. דאָ רעדט זיך טאַקע וועגען אָפּשאַפען די בורזשואַזע פּערזענליכקייט, די בורזשואַזע זעלבסטשטענדיגקייט און די בורזשואַזע פרייהייט.

אונטער פרייהייט פאַרשטעהט מען ביי די איצטיגע בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטניסע דעם פרייען מסחר, די פרייהייט צו קויפען און פאַרקויפען.

וועט אָבער בטל ווערען די סיסטעם פון קויפען און פאַרקויפען, וועט אויך בטל ווערען דער פרייער האַנדעל. די שעהנע דרשות וועגען פרייען האַנדעל, ווי אויך אַלע איבריגע שעהנע פראַזען פון אונזער בורזשואַזיע וועגען פרייהייט, האָבען בכלל אַ זין נאָר בנוגע צו דעם געבונדענעם האַנדעל פון דעם פאַרקנעכטעטען בירגער פון מיטעלאַלטער, אָבער ניט בנוגע צו דער קאָמוניסטישער אָפּשאַפונג פון דעם האַנדעל, פון די בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס פאַרהעלטניסע און פון דער בורזשואַזיע גופא.

איהר זייט אויסער זיך פון דעם, וואָס מיר ווילען אָפּשאַפען דאָס פּריוואַט אייגענטום. אבער אין אייער איצטיגער געזעלשאַפט איז דאָס פּריוואַט אייגענטום שוין אָפּגעשאַפט פאַר נייןצעהנטעל פון איהרע מיטגליעדער: דאָס פּריוואַט אייגענטום פאַר דער מינאָריטעט עקזיסטירט דערפאַר, ווייל ניין־צעהנטעל פון דער געזעלשאַפט באַנוצען עס ניט. איהר וואַרפט אונז אַלזא אויף, אַז מיר ווילען אָפּשאַפען אַזאַ מין אייגענטום, וועלכער קען אַנדערש ניט עקזיסטירען, סיידען אַז די אונגעהייערע מערהייט פון דער געזעלשאַפט פאַרמאָגט ניט קיין שום אייגענטום.

מיט איין וואָרט, איהר וואַרפט אונז אויף, אַז מיר ווילען אָפּשאַפען אייער אייגענטום. דאָס, זעהט איהר, ווילען מיר טאַקע.

פון דעם מאָמענט אָן, ווען מען וועט מעהר ניט קענען פאַרוואַנדלען ארבייט אין קאַפּיטאַל, אין געלד,־ און ערד רענטע, קורץ אין א מאָנאָפּאָליזירבאַרע געזעלשאַפט־ ליכע מאכט, דאָס הייסט, פון דעם מאָמענט אָן, ווען דאָס פּערזענליכער אייגענטום וועט זיך מעהר ניט קענען פאַרוואַנדלען אין בורזשואַזען אייגענטום — פון דעם מאָמענט אָן, זאָגט איהר, ווערט אויך בטל די מענשליכע פּערזאָן.

איהר זייט, הייסט עס, אַליין מודה, אַז אונטער א מענש־ ליכער פּערזאָן פאַרשטעהט איהר נאָר א בורזשוא, א בורזשואַזען אייגענטימער. יאַ, דיזע פּערזאָן זאָל טאַקע אָפּגעשאַפט ווערען.

דער קאָמוניזם נעמט ביי קיינעם ניט אָפּ די מעגליכקייט צו באַקומען פאַר זיך געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען. ער נעמט נאָר אָפּ די מעגליכקייטען דורך דיזע פּראָדוקטען צו ווערען א בעל־הבית איבער פרעמדע ארבייט.

מען האָט אונז אויך געזאָגט, אַז ווי נאָר מען וועט אָפּשאַ־ פען פּריוואַט־אייגענטום וועט זיך אָפּשטעלען יעדע טעטיג־ קייט, און ס'וועט אָנקומען אַן אַלגעמיינע פוילקייט.

אויב אַזוי האָט שוין די בורזשואַזע געזעלשאַפט לאַנג געדאַרפט אונטערגעהן איבער פוילקייט, ווייל די, וועלכע ארביי־ טען אין איהר, פאַרמאָגען גאָר ניט, און די וועלכע האָבען יאָ עפּעס א פאַרמעגען ארבייטען ניט. דיזע אַלע טענות געגען אונז זיינען בלויז א ווידערהאָלונג פון דער אַלטער טאַוטאָלאָגיע, אַז עס וועט מעהר ניט זיין קיין לוין־ארבייט, ווען עס וועט ניט זיין קיין קאַפּיטאַל.

אַלע טענות, וועלכע מען ברענגט געגען דער קאָמוניסטי־ שער פּראָדוקציאָנס־פאָרמע און געגען דער קאָמוניסטישער פאַר־ טיילונג פון די מאַטעריעלע פּראָדוקטען, שטעלט מען געוועהנ־ ליך אויך ארויס געגען דער פּראָדוקציאָן און דער פאַרטיילונג פון די גייסטיגע פּראָדוקטען.

מיט דער אָפּשאַפונג פון דעם קלאַסען־אייגענטום — מיינט דער בורזשואַ — וועט זיך במילא אויך אָפּשטעלען די פּראָדוקציאָן גופא. דאָס זעלבע מיינט ער בנוגע צו בילדונג. איהם דוכט זיך, אַז ווי נאָר ס'וועט ווערען א סוף צו דער קלאַסען־בילדונג, וועט בטל ווערען די בילדונג בכלל. די בילדונג, וואָס ער קלאָגט אַזוי אויף איהר חורבן, באַדייט פאַר די גרויסע מערהייט פון דער געזעלשאַפט ניט מעהר ווי זיך אויסלערנען צו ווערען אַ מאַשין.

אָבער פיהרט מיט אונז ניט קיין וכוחים, אויב איהר ווילט מעסטען די אבשאַפונג פון דעם בורזשואַזען אייגענטום מיט אייערע פאַרשטעלונגען וועגען פרייהייט, בילדונג, רעכט, א. ז. וו. אייערע אידעען גופא זיינען אַ פּראָדוקט פון די בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטניסע און בורזשואַזע אייגענטומס־פאַרהעלטניסע, פונקט אַזוי ווי אייער רעכט איז נאָר דער ווילען פון אייער קלאַס, וועלכער איז אויסגעדריקט אין געזעצען און וואָס זיין אינהאַלט ווערט באַשטימט דורך די מאַטעריעלע לעבענס־באַדינגונגען פון אייער קלאַס.

אייערע פּראָדוקציאָנס און אייגענטומס פאַרהעלטניסע, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסען אין פאַרלויף פון דער געשיכטע און וועלכע וועלען פאַרשווינדען מיט דער וויטערער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָן, האַלט איהר פאַר אייביגע געזעצען פון דער אייביגער נאַטור און פאַרשטאַנד. ווייל איהר האָט דערביי אַן אייגענע פּניה און איהר זענט דערינען פאַראינטערעסירט, קענט איהר זיך ניט באַפרייען פון דיזער פאַרשטעלונג, פונקט אַזוי ווי דאָס האָבען ניט געקענט טאָן אַלע ביז אַהער אונטערגעגאַנגענע הערשענדע קלאַסען. וואָס איהר באַגרייפט בנוגע צו דעם אייגענטום פון דער אַלטער וועלט, וואָס איהר באַגרייפט בנוגע צום פעאַדאַלען אייגענטום, קענט איהר ניט באַגרייפען בעת עס רעדט זיך וועגען דעם בורזשואַזען אייגענטום.

אָפּשאַפען די פאַמיליע! אפילו די גרעסטע ראַדיקאַלען ווערען אויסער זיך פון דיזע שענדליכע פּלענער פון די קאָמו־

ניסטען. אויף וואָס איז געבויט די היינטיגע, די בורזשואַזע פאַמיליע? אויף קאַפּיטאַל, אויף דעם פּריוואַטען פאַר־מעגען. אין אַ פאָלשטענדיג ענטוויקעלטער פאָרם עקזיסטירט זי נאָר פאַר דער בורזשואַזיע; אָבער אַלס צוגאָב צו איהר דיענט די אָפענע פּראָסטיטוציע און די געצוואונגענע פאַמיליען־לאָזיגקייט פון די פּראָלעטאַריער.

די בורזשואַזע פאַמיליע וועט, פאַרשטעהט זיך, אונטערגעהן, ווי באַלד עס וועט אונטערגעהן דיזער צוגאָב צו איהר, און ביידע וועלען פאַרשווינדען, ווען ס'וועט פאַרשווינדען דער קאַפּיטאַל.

וואַרפט איהר אונז אויף אַז מיר ווילען מאַכען אַ סוף צו דער עקספּלואַטאַציע פון די קינדער דורך זייערע עלטערען? אין דיזען פאַרברעכען זיינען מיר זיך טאַקע מודה.

אָבער, זאָגט איהר, מיר וועלען צושטערען די הייליגסטע באַציהונג דורך דעם, וואָס מיר וועלען פאַרבייטען די היימישע ערציהונג דורך געזעלשאַפטליכער.

אָבער ווערט דען אייער ערציהונג ניט באַשטימט דורך דער געזעלשאַפט, דורך די געזעלשאַפטליכע באַדינגונגען, ביי וועלכע איהר ערציהט אייערע קינדער, דורך דער דירעקטער אָדער אונדירעקטער אריינמישונג פון דער געזעלשאַפט אין דער שול־פראַגע, א. ז. וו.? ניט די קאָמוניסטען האָבען אויסגע־טראַכט די ווירקונג פון דער געזעלשאַפט אויף דער ערציהונג, זיי ענדערען נאָר אום איהר כאַראַקטער, זיי באַפרייען נאָר די ערציהונג פון דעם איינפלוס, וועלכע די הערשענדע קלאַסען האָבען אויף איהר?

די בורזשואַזע פראַזען וועגען פאַמיליע און ערציהונג, וועגען די הייליגע פאַרהעלטניסע צווישען עלטערען און קינדער ווערען נאָך מעהר עקעלהאַפטער, וואָס מעהר די גרויס־אינדוס־טריע צושטערט יעדען פאַמיליען־לעבען פון די פּראָלעטאַריער, און פאַרוואַנדעלט זייערע קינדער אין איינפאַכע האַנדעלס־אַרטיקלען און אַרבייטס־אינסטרומענטען.

אָבער איהר, קאָמוניסטען, ווילט דאָך איינפיהרען די שותפות אויף ווייבער, שרייט אין איין קול די גאַנצע בורזשואַזיע.

דער בורזשוא קוקט אויף זיין ווייב בלויז, ווי אויף א פּראָדוקציאָנס אינסטרומענט. ער הערט, אַז די פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען דאַרפען אויסגענוצט ווערען געמיינשאַפטליך און מיינט נאַטירליך, אַז דער זעלבער גורל מוז אויך פאַלען אויף די ווייבער. אנדערש קען ער זיך גאָר ניט פאַרשטעלען.

איהם קומט גאָר אויפ'ן זינען ניט אַרויף, אַז דאָ וויל מען גראַדע מאַכען א סוף צו דער לאַגע, ביי וועלכע די ווייבער זיינען מעהר ניט ווי פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען.

העכסט לעכערליך איז אגב דער הויך־מאָראַלישער צאָרן פון אונזערע בורזשועס איבער די „נאַציאָנאַליזירונג פון פרויען", וואָס זיי ערקלערען, אַז די קאָמוניסטען וועלען עפענטליך און אָפיציעל איינפיהרען: די קאָמוניסטען דאַרפען גאָר די „נאַציאָנאַליזירונג פון פרויען" ניט איינפיהרען; זי האָט כמעט אַלע מאָל עקזיסטירט.

אונזערע בורזשועס זיינען נאָך ניט צופרידען דערמיט וואָס אין זייער רשות געפינען זיך די ווייבער און די טעכטער פון זייערע פּראָלעטאַריער, — מען רעדט שוין ניט וועגען דער אָפיציעלער פּראָסטיטוציע; זיי האָבען נאָך דעם גרעסטען פאַרגעניגען איינער דעם אנדערענס ווייב צו פאַרפיהרען.

דאָס בורזשואזע פאַמיליען־לעבען איז אין דער אמת'ן די געמיינשאַפט פון פאַרהייראַטע פרויען. מען וואָלט העכסטענס געקענט אויפוואַרפען די קאָמוניסטען אַז אנשטאַט א צבוע'צישע און פאַרבאָרגענע, ווילען זיי איינפיהרען אַן אָפיציעלע, אָפענהאַרציגע ווייבערגעמיינשאַפט. עס פאַרשטעהט זיך, אגב, פון זיך זעלבסט, אַז ווען ס'וועלען אָפּגעשאַפט ווערען די היינטיגע פּראָדוקציאָנס פאַרהעלטניסע, וועט אויך פאַרשווינדען די ווייבער־געמיינשאַפט, ד. ה., די אָפיציעלע און ניט־אָפיציעלע פּראָסטיטוציע, צו וועלכע זיי האָבען געבראַכט.

די קאָמוניסטען האָט מען ווייטער אויפגעוואָרפען, אַז זיי ווילען אָפּשאַפען דאָס פאַטערלאַנד און די נאַציאָנאַליטעט.

די ארבייטער האָבען ניט קיין פאַטערלאַנד. מען קען ביי זיי ניט אָפּנעמען, דאָס וואָס זיי האָבען ניט. אָבער אַזוי ווי

דער פּראָלעטאַריאַט מוז זיך קודם כל ערקעמפּפען די פּאָליטישע הערשאַפט, מוז ער ווערען דער פיהרענדער קלאַס אין דער נאַציאָן, מוז ער זיך זעלבסט קאָנסטיטואירען אַלס די נאַציאָן, אויף אַזוי פיעל איז ער נאָך נאַציאָנאַל, הגם אפילו באין אופן ניט אין דעם זין פון דער בורזשואַזיע.

די נאַציאָנאַלע אָפּגעזונדערטקייט און די געגענזאַצען צווישען די פעלקער פאַרשווינדען אַלץ מעהר און מעהר מיט דער ענטוויקלונג פון דער בורזשואַזיע, מיט דער האַנדעלס פרייהייט, דעם וועלט־מאַרק, מיט דער גלייכפאָרמיגקייט פון דער אינדוסטריעלע פּראָדוקציאָן און פון די לעבענס־באַדינגונגען, וועלכע זי באַשאַפט.

ביי דער הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט וועלען זיי נאָך גיכער פאַרשווינדען. די פאַראייניגטע טעטיגקייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט וועניגסטענס פון די ציוויליזירטע לענדער, איז די ערשטע באַדינגונג פון זיין באַפרייאונג.

אויף וויפיעל עס וועט אָפּגעשאַפט ווערען די עקספּלואַטאַציע פון איין מענשען דורך דעם אַנדערען, אויף אַזוי פיעל וועט אויך בטל ווערען די עקספּלואַטאַציע פון איין נאַציאָן דורך דער אַנדערער.

צוזאַמען מיט דעם, ווי עס וועלען פאַרשווינדען די קלאַסען־געגענזאַצען אין דער נאַציאָן גופא, וועט אויך פאַרשווינדען די שנאה פון איין נאַציאָן צו אַ צווייטער.

וועגען די טענות וואָס מען שטעלט אַרום געגען דעם קאָמוניזם פון רעליגיעזען, פילאָזאָפישען און בכלל אידעאָלאָגישען שטאַנדפּונקט, איז ניט כדאי אויספיהרליך צו רעדען.

דאַרף מען דען אַ סך קלערען, כדי צו באַגרייפען, אַז ווען עס ענדערען זיך די לעבענס־באַדינגונגען פון מענשען, זייערע געזעלשאַפטליכע באַציהונגען, זייער געזעלשאַפטליכע עקזיסטענץ, ענדערען זיך אויך זייערע פאָרשטעלונגען, זייערע אַנשויאונגען און באַגריפען, מיט איין וואָרט, זייער באַוואוסטזיין?

וואָס באַווייזט אונז די געשיכטע פון אידעען, אויב ניט

דאָס, אַז די גייסטיגע פּראָדוקציאָן האָט באַקומען אַן אַנדער געשטאַלט, ווען די מאַטעריעלע פּראָדוקציאָן האָט זיך אומגעענדערט? די הערשענדע אידעען פון יעדער צייט זיינען שטענדיג געווען די אידעען פון דעם הערשענדען קלאַס.

מען הערט אָפּט ריידענדיג וועגען אידעען, וועלכע האָבען רעוואָלוציאָניזירט א גאַנצע געזעלשאַפט. דערמיט ווערט אָבער נאָר אָנגעוויזען אויף דעם פאַקט, אַז אין דער אַלטער געזעלשאַפט גופא האָבען זיך געבילדעט די עלעמענטען פון א נייער געזעלשאַפט, אַז בעת עס געהען אונטער די אַלטע לעבענס פאַרהעלטניסע, פאַרשווינדען אויך צו גלייכער צייט די אַלטע אידעען.

ווען די אַלטע וועלט האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן, זיינען די אַלטע רעליגיאָנען באַזיעגט געוואָרען דורך דער קריסטליכער רעליגיאָן. ווען די אויפקלערונגס־אידעען האָבען אין 18־טען יאָהרהונדערט בייגעקומען די קריסטליכע אידעען, האָט זיך די פעאָדאַלע געזעלשאַפט געראַנגעלט אויף טויט און אויף לעבען מיט דער דאַמאַלסט־רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע. די אידעען פון געוויסענס־פרייהייט און רעליגיאָנס־פרייהייט האָבען נאָר אויסגעדריקט די הערשאַפט פון דער פרייער קאָנקורענץ אויף דעם געביעט פון וויסענשאַפט.

„אָבער“, וועט מען זאָגען, „רעליגיעזע, מאָראַלישע, פילאָזאָפישע, פּאָליטישע, רעכטליכע אידעען, א. ז. וו. האָבען זיך טאַקי געביטען אין פאַרלויף פון **דער היסטאָרישער** ענטוויקלונג די רעליגיאָן, אָבער די מאָראַל, **די פילאָזאָפיע**, די פּאָליטיק, **דאָס** רעכט זיינען דאָך אַלע מאָל געבליבען, ניט קוקענדיג אויף דיזע אומענדערונגען“.

„עס עקזיסטירען נאָך אויסערדעם אייביגע וואַרהייטען: — ווי פרייהייט, גערעכטיגקייט, א. ד. גל. וואָס האָבען א קיום ביי אַלע געזעלשאַפטליכע צושטאַנדען. דער קאָמוניזם אָבער שאַפט אָפּ די אייביגע וואַרהייטען, ער שאַפט אָפּ די רעליגיאָן, די מאָראַל, אַנשטאַט צו געבען זיי א נייעם געשטאַלט; ער

ווידערשפּרעכט אויף אַזאַ אופן דער גאַנצער ביז איצטיגער היסטאָרישער ענטוויקלונג".

וואָס פאַר אַ זין האָבען אין דער אונטערשטער שורה דיזע טענות? די באַוועגונגס קראַפט אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער ביז־איצטיגער געזעלשאַפט זיינען געוועזען די קלאַסען־געגענזאַצען, וועלכע האָבען אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען אין פאַרשידענע צייטען.

אָבער וואָס פאַר אַ געשטאַלט זיי האָבען ניט אָנגענומען, די עקספּלואַטאַציע פון איין טייל פון דער געזעלשאַפט דורך דעם אַנדערען האָט עקזיסטירט אין אַלע פאַרגאַנגענע יאָהר־הונדערטען. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס דער געזעלשאַפטליכער באַוואוסטזיין פון אַלע פריהערדיגע דורות, הגם ער האָט זיך געביטען און געענדערט אין פאַרלויף פון דער געשיכטע, האָט זיך דאָך שטענדיג באַוועגט אין געוויסע געמיינ־זאַמע פאָרמען; און דיזע פאָרמען פון באַוואוסטזיין וועלען דורכאויס פאַרשווינדען ערשט דאַן, ווען ס'וועלען אינגאַנצען פאַרשווינדען די קלאַסען־געגענזאַצען.

די קאָמוניסטישע רעוואָלוציע מאַכט אויף דעם ראַדיקאַל־סטען אופן אַ סוף צו די ביז איצטיגע אייגענטומס פאַרהעלט־ניסע; ס'איז קיין וואונדער מיט, וואָס אין איהר ענטוויק־לונגס־גאַנג רייסט זי זיך איין אויף דעם ראַדיקאַלסטען אופן מיט די אַלטע טראַדיציאָנעלע אידעען.

נאָר זאָל שוין זיין גענוג מיט די טענות פון דער בור־זשואַזיע געגען דעם קאָמוניזם.

מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, אַז דער ערשטער טריט אין דער אַרבייטער־רעוואָלוציע איז צו דערהויבען דעם פּראָלע־טאַריאַט צו דער שטופע פון אַ הערשענדען קלאַס, צו געווינען דעם קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטישע אָרדנונג.

דער פּראָלעטאַריאַט וועט באַנוצען זיין פּאָליטישע הער־שאַפט דערצו, כדי ביסלעכוויז אַרויסצורייסען דעם גאַנצען קאַפּיטאַל פון דער בורזשואַזיע, צו קאָנצענטרירען אַלע פּראָדוק־ציאָנס־מיטלען אין די הענט פון דער מלוכה, ד. ה.

אין די הענד פון דעם פּראָלעטאַריאַט וואָס איז אָרגאַניזירט אַלס אַ הערשענדער קלאַס, און צו פאַרמעהרען אַזוי שנעל ווי מעגליך די מאַסע פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטען.

דאָס קען, פאַרשטעהט זיך, צוערשט דערגרייכט ווערען נאָר דורך אַ דעספּאָטישער אַריינמישונג אין דעם אייגענטומס־רעכט און אין די בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטניסע, דורך אַזעלכע מיטלען, הייסט עס, וועלכע קענען אויסווייזען צו זיין פון עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט ניט גענוגענד און ניט ווירקזאַם, נאָר וועלכע וועלען אָבער אין פאַרלויף פון דער באַוועגונג זיך אַליין אַריבערוואַקסען און וועלען אונפאַרמיידליך מוזען ברייננען צו דער איבערקעהרעניש פון דער גאַנצער פּראָדוקציאָנס־פאָרם.

דיזע מיטלען וועלען, פאַרשטעהט זיך, זיין פאַרשידען אין פאַרשידענע לענדער.

אין פּראָגרעסיווע לענדער וועלען פונדעסטוועגען קענען אָנגעווענדעט ווערען פאָלגענדע מיטלען:

1) אָפּשאַפען פריוואַט אייגענטום אויף ערד און די ערד־רענטע געברויכען פאַר די הוצאות פון דער מלוכה.

2) אַ גרויסער פּראָגרעסיווער שטייער אויף הכנסות.

3) אָפּשאַפען דאָס ירושה רעכט.

4) קאָנפיסקירען די פאַרמעגענס פון אַלע עמיגראַנטען און אינסורגענטען.

5) צענטראַליזירען דעם קרעדיט אין די הענד פון דער מלוכה דורך אַ נאַציאָנאַל־באַנק מיט אַ מלוכה קאַפּיטאַל און מיט דעם איינציגען מאָנאָפּאָל פון קרעדיט אין דעם גאַנצען לאַנד.

6) צענטראַליזירען די טראַנספּאָרט־מיטלען אין די הענד פון דער מלוכה.

7) פאַרמעהרען די צאָהל פון נאַציאָנאַלע פאַבריקען און פּראָדוקציאָנס ־ מיטלען, פרוכטבאַר מאַכען די וויסטע ערטער און אויסבעסערען די באַארבייטענדע ערד נאָך איין געמיינשאַפטליכען פּלאַן.

8) איינפיהרען, אַז אַלע זאָלען מוזען גלייך ארבייטען, און אָרגאַניזירען אינדוסטריעלע אַרמעען, באַזונדערס פאַר פעלד־אַרבייט.

9) פאַראייניגען די פעלד־אַרבייט מיט דער אינדוסטריע, אָנגעהמען מיטלען, אַז ס'זאָל ביסלעכווייז באַזייטיגט ווערען דער אונטערשיעד צווישען שטאָדט און דאָרף.

10) די ערציהונג פון אַלע קינדער אויף דעם חשבון פון דער מלוכה, אָפּשאַפען די פאַבריק־אַרבייט פון קינדער אין איהר איצטיגער פאָרם. פאַראייניגען די ערציהונג מיט דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, א. ז. וו.

ווען אין פאַרלויף פון דער ענטוויקלונג וועלען פארשווינדען די קלאַסען־אונטערשידען, און די גאַנצע פּראָדוקציאָן וועט זיין קאָנצענטרירט אין די הענד פון איין גרויסען נאַציאָנאַלען פאַרבאַנד, דאַמאַלס וועט די מלוכה־מאַכט פאַרליערען איהר פּאָליטישען כאַראַקטער. די פּאָליטישע מאַכט איז, אייגענטליך אַן אָרגאַניזירטע מאַכט פון איין קלאַס אויף אונטערצודריקען דעם צווייטען. ווען דער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער מוז זיך אין'ם קאַמף געגען דער בורזשואַזיע פאַראייניגען אין אַ קלאַס, הויבט זיך אויף דורך אַ רעוואָלוציאָן צו דער פּאָזיציע פון אַ הערשענדען קלאַס און אַלס הערשענדער קלאַס שאַפט ער דורך געוואַלט אָפּ די אַלטע פּראָדוקציאָנס־באַדינגונגען, וועט ער במילא אָפּשאַפען צוזאַמען מיט דיזע פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטניס אויך די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס קענען עקזיסטירען קלאַסענגעגענזאַצען, און דערמיט גופא אויך אָפּשאַפען זיין אייגענע הערשאַפט אַלס קלאַס.

אויף דעם אָרט פון דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט מיט איהרע קלאַסען און קלאַסען־געגענזאַצען קומט אויף אַ פאַרבאַנד, אין וועלכען די פרייע ענטוויקלונג פון יעדען איינציגען איז די באַדינגונג פאַר די פרייע ענטוויקלונג פון גאַנצען כלל.

3.

# סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראַטור.

## 1) דער רעאַקציאָנערער סאָציאַליזם.

### א) דער פעאָדאַלער סאָציאַליזם.

די פראַנצויזישע און די ענגלישע אַריסטאָקראַטיע איז נאָך איהר היסטאָרישע לאַגע באַזונדערס מסוגל געווען צו שרייבען פּאַמפלעטען געגען דער מאָדערנער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

אין דער פראַנצויזישער יולי־רעוואָלוציע פון 1830 און אין דער ענגלישער רעפאָרם־באַוועגונג האָט די אַריסטאָקראַטיע נאָך אַמאָל באַקומען אַ מפּלה פון דעם פאַרהאַסטען אויפגעקומענעם מיוחס, פון דער בורזשואַזיע. וועגען אַן ערנסטען פּאָליטישען קאַמף האָט שוין מעהר קיין רייד ניט געקאָנט זיין. פאַר איהר איז נאָר געבליבען דער ליטעראַרישער קאַמף. אָבער אויך אין דער ליטעראַטור זיינען שוין אונמעגליך געוואָרען די אַלטע פראַזען פון רעסטאַוראַציאָנס־צייט. כדי צו געווינען חן ביים עולם, האָט די אַריסטאָקראַטיע געמוזט מאַכען דעם אָנשטעל, אַז זי רעדט ניט וועגען איהרע אייגענע אינטערעסען און זי האָט געמוזט פאָרמולירען איהר באַשולדיגונגס־אַקט געגען דער בור־זשואַזיע, באַשיצענדיג כלומרשט די אינטערעסען פון דעם עקס־פּלואַטירטען קלאַס. זי האָט זיך אויף אַזאַ אופן געקוויקט דאָס הארץ מיט זינגען פאַראַכטונגס־ליעדער געגען איהר נייעם הערשער און איינרוימען איהם אויפ'ן אויער אַ סוד וועגען די גרויסע אונגליקען, וואָס וואַרטען אויף איהם אין דער צוקונפט.

אויף אַזאַ אופן איז אויפגעקומען דער פעאָדאַלער סאָציאַ־ליזם, — אַ קלאָג־ליעד, אַ פּאַסקוויל, אַן אָפּקלאַנג פון דער פאַר־גאַנגענהייט אַ פחד פאַר דער צוקונפט, — און הגם אפילו ער האָט צייטעווייז געטראָפען דער בורזשואַזיע גלייך אין הארצען

מיט זיין ביטערער און שאַרפזיניגער קריטיק, האָט ער דאָך שטענדיג געמאַכט אַ קאָמישען איינדרוק דורך זיין פאָלקאָמענער אונפעהיגקייט צו באַגרייפען דעם גאַנג פון דער מאָדערנער געשיכטע.

די אַריסטאָקראַטיע האָט אויפגעהויבען די בעטלערישע טאָרבע פון פּראָלעטאַריער אַלס אַ פאָהן, כדי צו פאַרזאַמלען אַרום זיך דאָס פאָלק. אָבער ווי נאָר דאָס פאָלק פלעגט זיך לאָזען געהן נאָך דיזע פאָהנען־טרעגער, פלעגט ער גלייך באַמער־קען אויף זייער רוקען דעם אַלטען פעאָדאַלען מאַנטעל און פלעגט זיך צולויפען מיט אַ הויכען עזות'דיגען געלעכטער.

אַ טייל פון די פראַנצויזישע לעגיטימיסטען און דאָס „יונגע ענגלאַנד" האָבען פאָרגעשטעלט די דאָזיגע קאָמעדיע אויפ'ן בעסטען אופן.

ווען די פעאָדאַלען באַווייזען, אַז זייער עקספּלואַטאַציאָנס־פאָרם האָט געהאַט גאָר אַן אַנדער געשטאַלט, איידער די בור־זשואַזע עקספּלואַטאַציע, פאַרגעסען זיי דערביי גאָר אַ קלייניג־קייט, — אַז זיי האָבען עקספּלואַטירט ביי גאַנץ אַנדערע, איצט שוין איבערגעלעבטע אומשטענדען און באַדינגונגען. ווען זיי באַווייזען, אַז אונטער זייער הערשאַפט האָט ניט עקזיסטירט דער מאָדערנער פּראָלעטאַריאַט, פאַרגעסען זיי גאָר, אַז גראַדע די מאָדערנע בורזשואַזיע איז געווען אַ נויטווענדיגער פּראָדוקט פון זייער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.

דעם רעאַקציאָנערען כאַראַקטער פון זייער קריטיק פאַר־באָרגען זיי אַגב אַזוי ווענינג, אַז זייער הויפט באַשולדיגונג געגען דער בורזשואַזיע באַשטעהט גראַדע אין דעם וואָס אונטער דער בורזשואַזער הערשאַפט ענטוויקעלט זיך אַזאַ קלאַס, וועלכער וועט מאַכען אַ תל פון דער גאַנצער אַלטער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.

צו דער בורזשואַזיע האָבען זיי, אַלזאָ, טענות אַ סך מעהר דערפאַר, וואָס זי האָט באַשאַפען אַ רעוואָלוציאָנערען פּראָלע־טאַריאַט, איידער דערפאַר וואָס זי האָט בכלל באַשאַפען אַ פּראָלעטאַריאַט.

אין דער פּאָליטישער פּראַקטיק נעהמען זיי דאַריבער אַן אנטייל אין אַלע געוואַלט־מיטלען געגען דעם אַרבייטער־קלאַס, און אין דעם געוועהנליכען לעבען באַמיהען זיי זיך, ניט קוקענ־דיג אויף אַלע זייערע שעהנע פראַזען, צו כאַפּען וואָס מעהר גאָלדענע פּרוכט וואָס פאַלט פון דעם בוים פון דער אינדוסטריע און פאַרבייטען עהרע, ליעבע און אמת אויף מסחר מיט שעפּסען־וואָל, צוקער און שנאַפּס.

פּונקט אַזוי ווי די כלי־קודש זיינען אַלע מאָל געגאַנגען האַנד ביי האַנד מיט דעם פעאָדאַל, אַזוי געהט אויך דער קלע־ריקאַלער סאָציאַליזם האַנד ביי האַנד מיט דעם פעאָדאַליסטישען סאָציאַליזם.

אָפּפאַרבען דעם קריסטליכען אסקעטיזם אין אַ סאָציאַליס־טישען קאָליר איז זעהר לייכט. האָט דען דאָס קריסטענטום ניט געדונערט געגען פּריוואַט אייגענטום, געגען הייר־ראַט און געגען דער מלוכה? האָט דען דאָס קריסטענטום ניט געפּרעדיגט מען זאָל זיי פאַרבייטען מיט גנאָדע און רחמנות? האָט עס דען ניט פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אָפּזאָגען זיך פון עשירות, דערשטיקען די גשמיות'דיגע תאוות, גובר צו זיין דעם יצר הרע און לעבען ווי אַ פּרוש אין בית־המדרש: דער קריסטליכער סאָציאַליזם איז נאָר דאָס הייליגע וואַסער, מיט וועלכען דער גלח באַשפּריצט דעם גרימצאָרן פון די אַריסטאָ־קראַטען.

## ב) דער קליינבירגערליכער סאָציאַליזם.

די פעאָדאַלע אַריסטאָקראַטיע איז ניט דער איינציגער קלאַס, וועמען די בורזשואַזיע האָט אומגעבראַכט און וועמענס לעבענס־באַדינגונגען עס געהען אַלץ מעהר אונטער אין דער היינטיגער בורזשואַזער געזעלשאַפט. דער מיטעלאַלטערליכער קליינער בעל־הבית און דער קליינער פּויער זיינען געווען די שלוחים פון דער היינטיגער בורזשואַזיע. אין די לענדער, וואו די אינדוסטריע און דער האַנדעל זיינען ווייניג ענטוויקעלט,

האַלט זיך נאָך עד היום מיט מאַטערניס דער דאָזיגער קלאַס נעבען דער וואַקסענדער בורזשואַזיע.

אין די לענדער, וואו ס'האָט זיך ענטוויקעלט די היינטיגע ציוויליזאַציע, האָט זיך געבילדעט אַ נייער קליין־בירגערליכער קלאַס, וועלכער שוועבט צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשואַזיע, און וועלכער, אַלס נויטיגער צוגאַב צו דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, בילדעט זיך שטענדיג פון דאָס ניי. זיינע מיטגלידער אָבער ווערען דורך דער קאָנקורענץ נאָכאַנאַנד אריינגעשליידערט אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט; נאָך מעהר, זיי זעהען אַליין, אַז מיט דער ענטוויקלונג פון דער גרויס־אינדוסטריע וועט אין גיכען קומען אַזאַ מאָמענט, ווען זיי וועלען אין גאַנצען פאַרשווינדען אַלס אַ זעלבסטשטענדיגער טייל פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט, און אין האַנדעל, מאַנופאַקטור און אַגריקולטור וועלען זייערע פּלעצער פאַרנעמען ארבייטס־אויפזעהער און משרתים.

אין אַזעלכע לענדער ווי פראַנקרייך, וואו דער פּויערים־קלאַס מאַכט אויס די גרעסטע העלפט פון דער באַפעלקערונג, איז עס געווען גאַנץ נאַטירליך, וואָס יענע שריפטשטעלער, וועלכע האָבען זיך געשטעלט אויפ'ן צד פון דעם פּראָלעטאַריאַט נעגען דער בורזשואַזיע, האָבען ביי זייער קריטיק פון דער בורזשואַזער אָרדנונג געמאָסטען אַלץ מיט דעם קליין־בירגערליכען און קליין־פּויערליכען מאַסשטאַב, און אויף דעם קאַמף פון די ארבייטער האָבען זיי געקוקט פון שטאַנדפּונקט פון דעם קליין־בירגערטום. אַזוי איז אויפגעקומען דער קליין־בירגערליכער סאָציאַליזם. ס י ס מ אָ נ ד י איז געווען דער קאָפּ פון דיזער ליטעראַטור ניט נאָר פאַר פראַנקרייך, נאָר אויך פאַר ענגלאַנד.

דיזער סאָציאַליזם האָט העכסט שאַרפזיניג אַנאַליזירט די ווידערשפּרוכען פון די היינטיגע פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלטניסען. ער האָט אויפגעדעקט די צביעות פון יענע עקאָנאָמיסטען, וועלכע האָבען פאַרטיידיגט די היינטיגע אָרדנונג. ער האָט באַוויזען אויפ'ן קלאָרסטען אופן די צושטערענדע ווירקונג פון דער מאַשינעריע און פון דער פאַרנאַנדערטיילונג פון ארבייט, ער האָט

דערוויזען די קאָנצענטראַציע פון די קאַפּיטאַלען און פון דעם ערד־פאַרמעגען, ער האָט געשילדערט די איבערפּראָדוקציאָן, די קריזיסען, דעם אונפאַרמיידליכען אונטערגאַנג פון דעם קליין־בירגער און דעם פּויער, דעם עלענד פון דעם פּראָלעטאַריאַט, די אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציאָן, די שרייענדע אונגלייכהייט אין דער פאַרטיילונג פון די עשירות, די אינדוסטריעלע פאַרווס־טענדע מלחמות צווישען די נאַציאָנען, דעם אונטערגאַנג פון די אַלטע טראַדיציעס און מנהגים, פון די אַלטע פאַמיליען־פאַר־העלטניסע, פון די אַלטע נאַציאָנאַליטעטען.

די פּאָזיטיווע פאָדערונגען פון דעם דאָזיגען סאָציאַליזם באַשטעהען אָבער נאָר אין דעם, וואָס אָדער ער וויל צוריק אויפ־שטעלען די אַלטע פּראָדוקציאָנס און פאַרקערס־מיטלען און צוזאַ־מען מיט זיי אויך די אַלטע אייגענטומס־פאַרהעלטניסע, אָדער ער וויל איינפּרעסען די מאָדערנע פּראָדוקציאָנס און פאַרקערס־מיטלען אין די ראַהמען פון די אַלטע אייגענטומס־פאַרהעלטניסע, וועלכע האָבען דורך די פאַרהעלטניסע געפּלאַצט און געמוזט פּלאַצען. אין ביידע פאַלע איז ער פּונקט אַזוי רעאַקציאָנער, ווי אויטאָפּיסטיש.

האַנדווערקער־צעכען אין דער מאַנופאַקטור; פּאַטריאַר־כאַלישע ווירטשאַפט אין דאָרף! — דאָס איז זיין לעצטעס וואָרט.

אין פאַרלויף פון זיין ווייטערער ענטוויקלונג איז דער דאָזי־גער סאָציאַליזם אריינגעפאַלען אין אַן אונמעכטיגען מרה־שחורה׳דיגען פּעסימיזם.

## ג) דער דייטשער אָדער דער „אמת׳ער“ סאָציאַליזם.

די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע ליטעראַטור פון פראַנקרייך, וועלכע איז אויפגעקומען אונטער דעם דרוק פון דער הערשענדער בורזשואַזיע, און וועלכע איז דער ליטעראַרי־שער אויסדרוק פון דעם קאַמף געגען דיזער הערשאַפט, איז אריבערגעפיהרט געוואָרען אין דייטשלאַנד אין אַזאַ צייט, ווען

די בורזשואַזיע האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו פיהרען איהר קאַמף געגען דעם פעאָדאַלען אַבסאָלוטיזם.

דייטשע פילאָזאָפען, האַלב־פילאָזאָפען, און בכלל ווייכ־האַרציגע אינטעליגענטען האָבען זיך מיט אַ ברען אָנגעכאַפּט פאַר דיזער ליטעראַטור און האָבען נאָר פאַרגעסען, אַז בעת די דאָזיגע שריפטען זיינען אַריבערטראַנספּאָרטירט געוואָרען, האָט מען צוזאַמען מיט זיי ניט אַריבערטראַנספּאָרטירט אין דייטש־לאַנד די פראַנצויזישע לעבענס־באַדינגונגען. בנוגע צו די דייטשע פאַרהעלטניסען האָט די פראַנצויזישע ליטעראַטור פאַר־לאָרען יעדע דירעקטע פּראַקטישע באַדייטונג און זי האָט נאָר באַקומען אַ ריין ליטעראַרישען ווערט. זי האָט געמוזט אָננעמען אַ כאַראַקטער פון פוסטע חקירות וועגען די באַדינגונ־גען, ביי וועלכע ס׳קען זיך אַרויסווייזען די מענשליכע נאַטור אין איהר ריינער געשטאַלט. אין די אויגען פון די דייטשע פילאָזאָפען פון 18טען יאַהרהונדערט האָבען די פאָדערונגען פון דער ערשטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געהאַט נאָר דעם זינען, וואָס זיי זיינען, נאָך זייער מיינונג, געווען די פאָדערונגען פון דעם „פּראַקטישען פאַרנונפט" בכלל, און דער אויסדרוק פון דעם ווילען פון דער רעוואָלוציאָנערער פראַנצויזישער בורזשואַזיע איז אין זייערע אויגען באַטראַכט געוואָרען פאַר אַ געזעץ פון דעם ריינעם ווילען, פון דעם ווילען, ווי ער דאַרף זיין, פון דעם עכט־מענשליכען ווילען.

די גאַנצע אַרבייט פון די דייטשע ליטעראַטען איז באַשטאַ־נען דורכאויס אין דעם, וואָס זיי האָבען זיך באַמיהט צו מאַכען אַ שלום צווישען די נייע פראַנצויזישע אידעען מיט זייער אַלטע פילאָזאָפישע אַנזיכטען, אָדער ריכטיגער, — אָננעהמען די פראַנצויזישע אידעען און דאָך בלייבען ביי זייער אייגענעם פילאָזאָפישען שטאַנדפּונקט.

און אָנגענומען האָבען זיי די דאָזיגע אידעען פּונקט אַזוי, ווי מען לערענט זיך אַ פרעמדע שפּראַך, דורך דער איבערזעצונג.

ווי עס איז באַוואוסט, האָבען די מאָנאַכען אַרומגעשריבען

די כתבים, אויף וועלכע ס'האָבען זיך געפונען די קלאַסישע ווערק פון דער אַלטער געצענדינער־צייט, מיט זייערע געשמאַקלאָזע הייליגע קאַטוילישע באָבע מעשיות. די דייטשע ליטעראַטען זיינען זיך באַגאַנגען פונקט פאַרקערט מיט דער וואכעדיגער פראַנצויזישער ליטעראַטור. זייער פילאָזאָפישען אונזין האָבען זיי אָנגעשריבען אונטער'ן פראַנצויזישען אָריגינאַל. צום ביי־שפּיעל, אונטער דער פראַנצויזישער קריטיק פון די עקאָנאָמישע פונקציעס פון געלד האָבען זיי אָנגעשריבען: „אָפּזאָגען זיך פון דער מענשליכער נאַטור", אונטער דער פראַנצויזישער קרי־טיק פון דער בורזשואַזער מלוכה האָבען זיי אָנגעשריבען: — „אָפּשאַפען די הערשאַפט פון אַבסטראַקטען כלל".

אָט די אַלע פילאָזאָפישע פוסטע פראַזען, וואָס זיי האָבען אריינגעטראָגען הינטער די פראַנצויזישע אויספאַרשונגען, האָבען זיי אַ נאָמען געגעבען: „פילאָזאָפיע פון טאַט", „אמת'ער סאָציאַליזם", „דייטשע וויסענשאַפט פון סאָציאַליזם", „פילאָזאָפישע באַגרינדונג פון סאָציאַליזם", א. ז. וו.

די פראַנצויזישע סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע ליטעראַטור האָט אויף אַזאַ אופן פאַרלאָרען איהר גאַנצע קראַפט און פרוכט־באַרקייט. און אַזוי ווי אין די הענד פון די דייטשען האָט דיזע ליטעראַטור אויפגעהערט אויסצודריקען דעם קאַמף פון איין קלאַס געגען דעם אַנדערען, האָט דער דייטש מיט שטאָלץ געמיינט, אַז ער האָט זיך אויפגעהויבען העכער פון דער „פראַנ־צויזישער איינזייטיגקייט", אַז אַנשטאָט צו פאַרטרעטען אמת'ע באַדערפניסע, פאַרטרעט ער די באַדערפנים פון אמת, אַז אַנשטאָט צו פאַרטיידיגען די אינטערעסען פון פּראָ־לעטאַריאַט, פאַרטיידיגט ער די אינטערעסען פון דער מענש־הייט, די אינטערעסען פון מענש בכלל, — פון מענש, וועלכער געהערט ניט צו קיין קלאַס, וועלכער עקזיסטירט איבערהויפּט ניט אין דער ווירקליכקייט, נאָר אין דעם נעבעל־הימעל פון דער פילאָזאָפישער פאַנטאַזיע.

דער דייטשער סאָציאַליזם, וועלכער האָט אַזוי ערנסט און פייערליך אויפגענומען זיינע שוואַכע, חדר־קינדערשע חקירות

און האָט וועגען זיי פאַנאַנדערגעקלונגען איבער אַלע גאַסען, ווי אַ מאַרק קרעמערקע וועגען איהר סחורה, האָט דאָך ביסלעכווייז פאַרלאָרען זיין פעדאַנטישען אונשולד.

דער קאַמף פון דער דייטשער, באַזונדערס פון דער פרייסישער בורזשואַזיע געגען די פעאָדאַלען און געגען אַבסאָלוטען קעניגטום, מיט איין וואָרט, די ליבעראַלע באַוועגונג איז געוואָרען ערנסטער.

דער „אמת׳ער“ סאָציאַליזם האָט אויף אַזאַ אופן געפונען אַ גוטע געלעגענהייט אוועקצושטעלען די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען אנטקעגען דער פּאָליטישער באַוועגונג, אריינצוואַרפען אין חרם דעם ליבעראַליזם, דעם פּאַרלאַמענטאַריזם, די בורזשואַזע קאָנקורענץ, די בורזשואַזע פרעס פרייהייט, דאָס בורזשואַזע רעכט, די בורזשואַזע פרייהייט און גלייכהייט און צו פרעדיגען פאַר דער פאָלקס־מאַסע אַז געווינען אין דיזער בורזשואַזער באַוועגונג וועט זי גאָרנישט, גיכער וועט זי אַלץ פאַרלירען. דער דייטשער סאָציאַליזם האָט דערביי נאָר פאַרגעסען, אַז די פראַנצויזישע קריטיק פון וועלכער ער איז געוועזען נאָר אַ טויטער אָפּקלאַנג איז געקומען נאָכדעם, ווי אין פראַנקרייך האָט שוין געהאַט עקזיסטירט אַ מאָדערנע בורזשואַזע געזעלשאַפט, מיט ענטשפּרעכענדע באַדינגונגען פון עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, מיט אַ צוגעפּאַסטער פּאָליטישער קאָנסטיטוציע, — אַלץ אַזעלכע זאַכען, פאַר וועלכע דייטשלאַנד האָט גראָדע דערמאָלט געהאַלטען אין קעמפען.

די דייטשע אַבסאָלוטע רעגירונגען מיט זייערע סוויטעס פון גייסטליכע, שול־לעהרער, גוטס־באַזיצער און ביוראָקראַטען האָבען זיך מיט דעם אמת׳ען סאָציאַליזם באַנוצט, ווי מיט אַ באַקוועמען שרעקענס־בילד פאַר די אויפגעקומענע בורזשואַזיע, וועלכע האָט אָנגעהויבען צו ווערען פאַר זיי געפעהרליך.

עס איז געווען אַ זיסער פאַרבייסען נאָך די ביטערע נאַגייקעשמיץ און ביקסען־קוילען, מיט וועלכע די זעלבע רעגירונגען פלעגען מכבד זיין די דייטשע אַרבייטער פאַר זייערע אויפשטאַנדען.

דער „אמת׳ער" סאָציאַליזם, אויסער דעם וואָס ער איז געוואָרען אַ געוועהר אין די הענד פון די רעגירונגען, האָט נאָך אויך דירעקט פאַרטיידיגט רעאַקציאָנערע אינטערעסען, די אינ־טערעסען פון דעם דייטשען קליין־בירגערטום. דער געזעל־שאַפטליכער פונדאַמענט פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג אין דייטשלאַנד איז דאָס קליין־בירגערטום, וואָס איז נאָך איבער־געבליבען בירושה פון 16טען יאהרהונדערט און וואָס טרעט פון צייט צו צייט פון־דאָס־ניי־אַרויס אין פאַרשידענע פאָרמען.

אויפהאַלטען דיזען קלאַס — הייסט אויפהאַלטען די עקזיס־טירענדע דייטשע אָרדנונג. די קליין־בירגער האָבען מורא, אַז די אינדוסטריעלע און פּאָליטישע הערשאַפט פון דער בור־זשואַזיע וועט ברייננען צו זייער זיכערען אונטערגאַנג, — פון איין זייט צוליעב דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, פון דער אַנדער זייט צוליעב דעם אויפקומען פון אַ רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. דער „אמת׳ער" סאָציאַליזם, מיינען זיי, הרג׳עט צוויי האָזען מיט איין קלאַפּ.

ער האָט זיך דעריבער פאַרשפּרייט ווי אַן עפּידעמיע.

איינגעוויקעלענדיג זייערע פאַרגליווערטע „אייביגע וואַרהיי־טען" אין דורכזיכטיגען געוואַנד, געוועבט פון פילאָזאָפישען שפּינוועבס, באַפּוצט מיט בלומען פון שעהנע מליצה, באַשפּריצט מיט טוי פון סענטימענטאַלע ליעבע, האָבען די דייטשע סאָציאַ־ליסטען מיט דעם פאַרגרעסערט דעם אָבזאַץ פון זייער סחורה ביי אַזאַ פּובליקום.

פון זיין זייט האָט דער דייטשער סאָציאַליזם וואָס ווייטער אַלץ מעהרער דערקענט, אַז זיין אויפגאַבע איז צו זיין אַ מליץ יושר פאַר דעם קליין־בירגערטום.

די דייטשע נאַציע האָט ער פּראָקלאַמירט אַלס די נאָרמאַלע נאַציע, דעם דייטשען קליין־בירגער — אַלס דעם נאָרמאַלען מענשען. אין דער נידריגקייט פון קליין־בירגער האָט ער אויס־געפונען אַ פאַרבאָרגענעם העכערען, סאָציאַליסטישען זין, צוליעב וועלכען דיזע נידריגקייט האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין איהר קאָנטראַסט. זיין געדאַנק האָט ער ענטוויקעלט ביז׳ן סוף, איז

ארויסגעטראָטען דירעקט געגען דער „ווילדער צושטערענדער" ריכטונג פון קאָמוניזם און האָט מודיע געווען, אז ער שטעהט איבער אַלע פארטייען, העכער פון יעדען קלאַסען־קאמף. אַלע שריפטען, וואָס געהען ארום אין דייטשלאנד אונטער דעם נאמען פון סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע, געהערען — אויסער איינציגע אויסנאמען — צו דעם מין שמוציגער, דעמאָראַליזירענ־דער ליטעראטור.

## 2. דער קאָנסערוואַטיווער אָדער בורזשואַזער סאָציאַליזם.

א טייל פון דער בורזשואַזיע וואלט וועלען אויסבעסערען די שלעכטע זייטען פונ'ם קאפיטאליזם, כדי צו פארזיכערען די ווייטערדיגע עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזער געזעלשאפט.

צו דיזען טייל געהערען; עקאָנאָמיסטען, פילאנטראפען, בעלי רחמנים, מענשען וואָס ווילען פארבעסערען די לאגע פון ארבייטער־קלאַס, גרינדער פון צדקה חברות, צער בעל החיים'ניקעס, גרינדער פון געזעלשאפטען געגען שכרות און איבערהויפט רעפאָרמאטאָרען פון אַלערליי קאַלירען. ס'זיינען זאָגאר אויסגעארבייט געוואָרען גאנצע סיסטעמען פון דיזען בורזשואַזען סאָציאַליזם.

אַלס א ביישפּיעל קענען מיר אָנווייזען אויף פּרודאָנ'ס „פילאָזאָפיע פון ארעמקייט".

די סאציאליסטישע בורזשואַזן ווילען האָבען אַלע גוטע זייטען פון דער מאָדערנער געזעלשאפט אָבער אָהן דעם קאמף און אָהן די סכנות, וועלכע שטאמען נויטווענדיגערווייזע ארויס פון דיזע באַדינגונגען. זיי ווילען האָבען די עקזיסטירענדע געזעלשאפט, אָבער א חוץ יענע עלעמענטען, וועלכע רעוואָלוציאָניזירען און צערשטערען זי. זיי ווילען האָבען די בורזשואַזיע אָהן דעם פּראָלעטאריאט. די בורזשואַזיע שטעלט זיך נאטירליך פאָר, אז די וועלט, אין וועלכער זי הערשט, איז די בעסטע וועלט. דער בורזשואַזער סאציאליזם מאכט פון דעם דאָזיגען באקוועמען אידעאל א האלבע אדער א גאנצע סיס־

טעם. ווען ער רופט דעם פּראָלעטאַריאַט צו פאַרווירקליכען זיין סיסטעם און אריינצוגעהן אין דעם נייעם ארץ־ישראל, פאַר־לאַנגט ער אין דער אמת'ן נאָר דאָס, אז דער פּראָלעטאַריאַט זאָל בלייבען לעבען אין דער איצטיגער געזעלשאַפט, אָבער ער זאָל אויסמעקען די שנאה צו איהר.

א צווייטע, א ווייניגער סיסטעמאַטישע, אָבער מעהרער פּראַקטישע פאָרם פון סאָציאַליזם זוכט אָפּצעווענדען דעם אַר־בייטער־קלאַס פון יעדער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, באַוויי־זענדיג, אז נוצען קאָן ברייגען דעם ארבייטער־קלאַס נאָר אַן ענדערונג פון די מאַטעריעלע לעבענס־פאַרהעלטניסע, — פון די עקאָנאָמישע פאַרהעלטניסע, — אָבער ניט די אָדער יענע פּאָלי־טישע ענדערונג. אָבער „אונטער אַן ענדערונג פון די מאַטע־ריעלע לעבענס־פאַרהעלטניסע“ פאַרשטעהט דיזער סאָציאַליזם ניט חלילה די אָפּשאַפונג פון די בורזשואַזע פּראָדוקציאָנס־פאַר־העלטניסע, וועלכע איז מעגליך נאָר אויף א רעוואָלוציאָנערען אופן, זאָנדערן אדמיניסטראַטיווע פאַרבעסרונגען, וואָס זאָלען פאָרקומען אויף דעם באָדען פון דיזע פּראָדוקציאָנס־פאַרהעלט־ניסע, דאָס הייסט אַלזאָ אזעלכע פאַרבעסערונגען, וועלכע זאָלען ניט ענדערען די פאַרהעלטניסע צווישען קאַפּיטאַל און לוין־ארבייט, נאָר זאָלען, אין בעסטען פאַל, פאַרקלענערען די הוצאות פון דער בורזשואַזיע אויף איהר הערשאַפט און פאַרגרינגערען איהר צו בעל־הבית'עווען אין דער מלוכה.

זיין פּאַסענדען און ריכטיגען אויסזעהן נעמט אָן דער בורזשואַזער סאָציאַליזם ערשט דאָרטען, וואו ער ווערט בלויז א קלינגענדע פוסטע פראַזע.

פרייער האַנדעל: לטובת דעם ארבייטענדען קלאַס; הויכע גרענעץ אָפּצאָהלונגען אויף אויסלענדישע סחורה: לטובת דעם ארבייטענדען קלאַס; רעפאָרמירען די געפענגנים סיסטעם: לטובת דעם ארבייטענדען קלאַס. אָט דאָס איז דער לעצטער און דער איינציגער ערנסט־געמיינטער וואָרט פון דעם בורזשואַזען סאָציאַליזם.

דער גאַנצער סאָציאַליזם פון דער בורזשואַזיע באַשטעהט

אין דער באהויפּטונג, אז דער בורזשוא איז בורזשוא... לטובת דעם אַרבייטענדען קלאַס.

## 3) דער קריטיש־אוטאָפּיסטישער סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

מיר רעדען דאָ ניט וועגען דער ליטעראטור, וועלכע האָט אין אַלע גרויסע מאָדערנע רעוואָלוציעס אויסגעדריקט די פאָדערונגען פון דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי די שריפטען פון באבעף און אנדערע.

די ערשטע פּראָבען פון פּראָלעטאַריאַט דירעקט צו באַוואָרענען זיינע אייגענע קלאַסען־אינטערעסען אין דער צייט פון אַן אַלגעמיינער אויפרעגונג, אין דעם פּעריאָד, ווען די פעאָדאַלע געזעלשאַפט איז געפאַלען, — דיזע ערשטע פּראָבען האָבען ניט געקענט געלינגען, צוליעב דעם אונענטוויקעלטען צושטאַנד פון דעם פּראָלעטאַריאַט און צוליעב דעם, וואָס עס האָבען נאָך געפעהלט די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון זיין באַפרייאונג, — באַדינגונגען, וועלכע זיינען נאָר אַ פּראָדוקט פון דער בורזשואזער עפּאָכע. די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור, וועלכע האָט באַגלייט אָט די ערשטע באַוועגונגען פון פּראָלעטאַריאַט, האָט געמוזט נאָך איהר אינהאַלט נאָך זיין רעאַקציאָנער. זי פּרעדיגט אַן אַלגעמיינעם אסקעטיזם (גזירות) און סאָציאַלע גלייכהייט אין אַ פּאַרגראָבטער פאָרם.

די ווירקליכע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע סיסטעמען, די סיסטעמען פון סען־סימאָן, פוריע, אָווען, א. ז. וו. באַווייזען זיך אין דעם ערשטען, אונענטוויקעלטען קאַמפּס־פּעריאָד צווישען פּראָלעטאַריאַט און בורזשואזיע, וועגען וועלכען מיר האָבען פריהער גערעדט. (זעה: „בורזשוא און פּראָלעטאַריער“).

די גרינדער פון דיזע סיסטעמען באַמערקען שוין טאַקע דעם געגענזאַץ צווישען די קלאַסען ווי אויך די ווירקונג פון די צושטערענדע עלעמענטען אין דער געזעלשאַפט גופא. זיי זעהען אָבער ניט די היסטאָרישע זעלבסט־טעטיגקייט פון פּראָ־

לעטאַריאַט, די פּאָליטישע באַוועגונג, וועלכע איז איהם אייגענטימליך.

און אזוי ווי די ענטוויקלונג פון די קלאַסענגעגענזאַצען געהט טריט ביי טריט מיט דער ענטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, האָבען זיי אויך דאמאלס ניט געקענט געפינען די מאַטעריעלע באַדינגונגען פאר דער באפרייאונג פון פּראָלעטאַריאַט און האָבען געזוכט א נייע סאציאלע וויסענשאפט, סאציאלע געזעצען, כדי דיזע באַדינגונגען צו שאַפען.

דאָס אָרט פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט האָבען געמוזט פאַרנעמען זייערע פערזענליכע המצאות, דאָס ארט פון היסטאָרישע באַפרייאונגס־ באַדינגונגען האָבען געמוזט פאַרנעמען פאנטאַזיעס, דאָס אָרט פון א שטופענווייזער און שטענדיגער אָרגאַניזירונג פון פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרנומען די אָרגאַניזירונג פון דער געזעלשאַפט, ספּעציעל געפּלאַנעוועט פון דיזע ערפינדער. די צוקינפטיגע וועלט געשיכטע ווענדט זיך, נאָך זייער מיינונג, נאָר אן דער פּראָפּאַגאַנדא און אָן דער פּראַקטישער פאַרווירקליכונג פון זייערע געזעלשאַפטליכע פּלענער.

זיי פאַרשטעהען, אז מיט זייערע פּלענער פארטיידיגען זיי איבערהויפּט די אינטערעסען פון ארבייטענדען קלאַס, אלס א קלאַס וואָס ליידט מעהר פון אַלעמען. זיי קוקען בכלל אויפ'ן פּראָלעטאַריאַט נישט מעהר, ווי אויף א מעהרער ליידענדען קלאַס.

די אונענטוויקעלטע פאָרם פון קלאַסען־קאמף, ווי אויך זייער אייגענע לעבענס־לאַגע, ברייגנט זיי צו דעם גלויבען, דאָס זיי אליין שטעהען איבער די קלאַסענשטרייטינקייט. זיי ווילען פאַרבעסערען די לאַגע פון אלע געזעלשאַפטס־מיטגליעדער אפילו פון די וואס לעבען גאַנץ גוט. זיי אפּעלירען דאַריבער שטענדיג צו דער גאַנצער געזעלשאַפט אָהן אָן אונטערשיעד, — פאַרקעהרט, זיי ווענדען זיך נאָך מיט מעהרער קוראַזש צו די הערשענדע קלאַסען. זיי האַלטען, אז מען דאַרף נאָר פאַרשטעהן זייער סיסטעם, אום אנערקענען זי פאַר דעם

בעסטען מעגליכסטען פּלאַן פון דער בעסטער מעגליכסטער געזעלשאַפט.

זיי ענטזאָגען זיך דאַריבער פון יעדער פּאָליטישער און באַזונדערס פון יעדער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט; זיי ווילען דערגרייכען זייער ציעל אויפ'ן פריעדליכען וועג, און דורך קליינע נאַטירליך ניט געלונגענע פּראָבעס, וועלכע דאַרפען דיענען פאַר א ביישפּיעל, ווילען זיי דורכלייגען א וועג פאַר דער נייער געזעלשאַפטליכער תורה.

די פאַנטאַסטישע שילדערונג פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט האָט זיך אָנגעהויבען אין דער צייט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָך געווען העכסט אומענטוויקעלט און האָט נאָך דאַריבער פאַנטאַסטיש פאַרשטאַנען זיין אייגענע לאַגע, ווען ער האָט זיך מיט גרויס אימפּעט א וואָרף געטאָן אין גאַנצען איבערצובויען די געזעלשאַפט.

די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע שריפטען ענטהאַלטען אָבער אויך אין זיך קריטישע עלעמענטען. זיי גרייפען אָן אַלע גרונדלאַגען פון דער עקזיסטירענדער געזעלשאַפט. זיי האָבען אויף אַזאַ אופן געשאַפען אונשעצבאַרען מאַטעריאַל פאַר די אויפקלערונג פון ארבייטער־קלאַס. זייערע פּאָזיטיווע פאַרשלעגען וועגען דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט, צ. ב., די פאַרניכטונג פון געגענזאַץ צווישען שטאָדט און דאָרף, די אָפּשאַפונג פון פאַמיליע, פון פּריוואַט־אייגענטום פון לוין־ארבייט, די פּראָקלאַמירונג פון א געזעלשאַפטליכע האַרמאָניע, די פאַרוואַנדלונג פון דער מלוכה אין א פּשוט'ע פאַרוואַלטונג פון דער פּראָדוקציאָן. — אָט די אַלע פאַרשלעגע ווילען נאָר באַזייטיגען דעם קלאַסען־געגענזאַץ, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען צו ענטוויקלען און וועלכען זיי קאָנען נאָר אין זיין ערשטער געשטאַלט־לאָזער אונבאַשטימטער פאָרם. דיזע פאַרשלעגע גופא טראָגען דאַריבער א ריין אויטאָפּיסטישען כאַראַקטער.

די באַדייטונג פון דעם קריטיש־אוטאָפּיסטישען סאָציאַליזם און קאָמוניזם שטעהט אין אן אומגעקעהרטע פאַרהעלטניס צו דער היסטאָרישער ענטוויקלונג: וואָס מעהר עס ענטוויקעלט

זיך דער קלאַסען־קאַמף, וואָס קלאָרער עס ווערט זיין געשטאַלט, אַלץ אַ קלענערען פּראַקטישען ווערט באַקומען די פאַנטאַסטישע אַטאַקעס געגען דעם דאָזיגען קאַמף, אַלץ מעהר פאַרלירען זיי יעדע טעאָרעטישע בארעכטיגונג. און דאָריבער אויב די גרינ־דער פון דיזע סיסטעמען זיינען אין פיעלע הינזיכטען געוועזען רעוואָלוציאָנערען, האָבען שוין אָבער זייערע תלמידים יעדעס מאָל געבילדעט רעאַקציאָנערע סעקטען. אנטקעגען דער ווייִ־טערער פּראָגרעסיווער היסטאָרישער ענטוויקלונג פון פּראָלע־טאַריאַט שטעלען זיי האַרטנעקיג ארויס די אַלטע אנשויאונגען פון זייערע לעהרער. זיי זוכען דאָריבער אָפּצו־שוואַכען דעם קלאַסען קאַמף און צו פאַרגלעטען די געגענזאַצען. זיי חלום׳ען נאָך אַלץ וועגען פּראָבעס צו פאַר־ווירקליכען זייערע געזעלשאַפטליכע אוטאָפּיען, וועגען גרינדען איינצעלנע „פהאַלאַנסטערן“, „היים־קאָלאָניען“, צו בויען אַ נייע ארץ ישראל, אדער ווי זיי רופען עס — אַ קליינע „איקאַריען“. כדי אויפצובויען אַט דיזע לופטשלעסער, מוזען זיי אַפּעלירען צו דער פילאַנטראָפּיע פון די בורזשואַזע הערצער און געלד־זעק. ביסלעכווייז פאַלען זיי אַלץ נידריגער צו דער קאַטעגאָריע פון די אויבען־געשילדערטע רעאַקציאָנערען אָדער קאָנסערוואַ־טיווע סאָציאַליסטען און אונטערשיידען זיך פון יענע נאָר מיט זייער מעהר סיסטעמאַטישען פּעדאַנטיזם, מיט זייער פאַנאַטי־שען אָבערגלויבען אין די וואונדערליכע ווירקונג פון זייער סאָ־ציאַלער וויסענשאַפט.

מיט אַ ביטערער שנאה טרעטען זיי דאָריבער ארויס געגען יעדער פּאָליטישער באַוועגונג פון די ארבייטער, האַלטענדיג, אַז אַזאַ באַוועגונג שטאַמט נאָר פון בלינדע אַפּיקורסות אין דער נייער תורה.

אין ענגלאַנד שטרייטען די אָווען׳יסטען געגען די טשאַר־טיסטען, אין פראַנקרייך די פוריע׳ריסטין געגען די רעפאָר־מיסטען.

4.

## די שטעלונג פון די קאָמוניסטען צו פארשיעדענע אָפּאָזיציאָנעלע פארטייען.

פון דעם צווייטען קאפיטעל איז שוין לייכט צו פארשטעהן, ווי די קאָמוניסטען פארהאלטען זיך צו די ארבייטער פארטייען, וועלכע האָבען זיך שוין געבילדעט, ווי די טשארטיסטען אין ענגלאנד און די אגראר רעפארמאטאָרס אין צפון אמע־ריקא.

זיי קעמפען פאר די דירעקטע, נאָהענסטע צוועקען און אינטערעסען פון ארבייטער־קלאַס, אָבער אין דערזעלבער צייט פארטרעטען זיי אין דער געגענווערטיגער באוועגונג די צוקונפט פון דער באוועגונג. אין פראנקרייך פארבינדען זיך די קאָ־מוניסטען מיט דער סאציאליסטיש־דעמאָקראטישער פארטיי נעגען די קאָנסערוואטיווע און ראדיקאלע בורזשואזיע; זיי זאָגען זיך אָבער ניט אָפּ פון זייער רעכט צו קריטיקירען די רעוואלוציאָנערע פראזען און אילוזיעס, וועלכע זיינען איבער־געבליבען בירושה פון דער גרויסער רעוואלוציע.

אין דער שווייץ שטיצען זיי אונטער די ראדיקאלען, ניט פארגעסענדיג דערביי, אז דיזע פארטיי באשטעהט פון ווידער־שפרעכענדע עלעמענטען, טיילווייז פון דעמאָקראטישע סאָציא־ליסטען אין פראנצויזישען זין, טיילווייז פון ראדיקאלע בורזשועץ.

אין פוילען שטיצען אונטער די קאָמוניסטען יענע פארטיי, וועלכע שטעלט ארויס די אגראר־רעוואָלוציע, אלס באדינגונג פון דער נאציאָנאלער באפרייאונג, — דיזעלבע פארטיי, וועלכע האָט אָרגאַניזירט דעם קראקאווער אויפשטאנד פון יאהר 1846.

אין דייטשלאנד קעמפט די קאָמוניסטישע פארטיי צוזאמען מיט דער בורזשואזיע — ווען דיזע טרעט ארויס רעוואָלוציאָנער

— געגען דער אבסאָלוטער מאָנארכיע, געגען פעאָדאלען ערד־איינענטום און קליין־בירגערטום.

אויף קיין מאָמענט אבער הערט זי ניט אויף אויסצוארבייטען ביי די ארבייטער א וואָס קלאָרערן באוואוסטזיין וועגן דעם פיינדליכען געגענזאַץ צווישען בורזשואזיע און פּראָלעטאַריאַט, כדי די דייטשע ארבייטער זאָלען אָנהויבען דעם קאַמף געגען דער בורזשואזיע גופא גלייך נאָך דעם, ווי עס וועלען פאלען די רעאקציאָנערע קלאַסען אין דייטשלאנד, פאַרוואנדלענדיג אין וואפען געגען די בורזשואזיע יענע געזעלשאפטליכע און פּאָליטישע באדינגונגען, וועלכע די בורזשואזיע מוז באשאפען מיט איהר הערשאפט.

אויף דייטשלאנד ווענדען אָן די קאָמוניסטען זייער הויפּט־אויפמערקזאמקייט, ווייל אין דייטשלאנד איז איצט ערב א בורזשואזע רעוואָלוציע און ווייל דיזע איבערקערעניש וועט דאָ פאָרקומען ביי א העכער ענטוויקעלטען צושטאנד פון דער אייראָפּעאישער ציוויליזאציע בכלל און מיט א פיעל מעהר ענטוויקעלטען פּראָלעטאריאט, איידער אין ענגלאנד אין 17טען און אין פראנקרייך אין 18טען יאהרהונדערט. די דייטשע בורזשואזע רעוואָלוציע קען דאריבער זיין נאָר א דירעקטער פאַרשפּיעל צו א פּראָלעטארישער רעוואָלוציע.

מיט איין וואָרט, די קאָמוניסטען שטיצען אומעטום יעדע רעוואָלוציאָנערע באוועגונג געגען די עקזיסטירענדע געזעלשאפטליכע און פּאָליטישע צושטאנדען.

אַלס א הויפּט־פראגע רוקען זיי אין אַלע באוועגונגען ארויס די איינענטומס־פראגע, אָהן אָן אונטערשיעד צו זי האָט אָנגענומען א מעהר אדער ווענינער ענטוויקעלטע פארם.

קורץ, די קאָמוניסטען ארבייטען אומעטום פאַר די פאַרבינדונג אין צוזאמענווירקונג פון די דעמאָקראטישע פארטייען פון אַלע לענדער.

די קאמוניסטען האלטען פאר א שאנדע צו באַהאַלטען זייערע מיינונגען און אבזיכטען. זיי ערקלערען אָפען אַז זייערע ציעלען קענען דערגרייכט ווערען נאָר דורך א געוואַלט־

זאַמע פאַרניכטונג פון דער גאַנצער איצטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג.

פאַר אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע זאָלען ציטערען די הערשענדע קלאַסען.

די פּראָלעטאַריער האָבען גאָר נישט צו פאַרלירען אויסער זייערע קייטען; געווינען אָבער קענען זיי אַ גאַנצע וועלט.

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך!

צוויי קלאַסישע סאָציאַליסטישע ווערק

# ארבייטער און פרייהייט

פון ניקאָליי לענין.

# אונזער רעוואָלוציאָן

פון לעאָן טראָצקי.

פרייז פארביידע ביכער, 3 דאלאר.

ארגאניזאציאנען קריגען דעם געוועהנליכען ראבאט.

מיט באַשטעלונגען ווענדעט זיך אין אָפיס פון „קאַמף" צו

**B. SOLOMON**

179 EAST BROADWAY NEW YORK